STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06549

PEYRES OYF MAYN BOYM

Levi Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לוי גאָלדבערג

•

פירות אויף מיין בוים

דאָס בוך ווידמע איך מיינע ליבע צוויי אייניקלעך
שערי (שיינע מייטע) און עדוואַרד (עזרא יוסף)

לוי גאָלדבערג

פאַרלאַג „פעדער"
ניו-יאָרק, 1959

FRUIT ON MY TREE

Copyright 1959
by
LOUIS GOLDENBERG
3051 Ocean Avenue
Brooklyn 35, N. Y.

שערבלאַט געצייכנט פון לואי מאַרקאָוויטש

Printed in the United States

Futuro Press, 476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

אין שאָטן פון נעכטן

תוכיק לעבן

כ׳האָב ניט אויפגענומען אַלץ אין מיין זיכרון,
כדי צו מיידן פון מיין ליד אָט דאָס וואָס ביליק.
כ׳האָב צום גרינגסטן שטרויכל־וועג ניט איינגעווילִיקט —
ניט פאַרשעמט צו ווערן, אויף די ווייסע יאָרן.

און שוין נאָך די יאָרן, ווען מיין קינד דאַרף אַרבן
און טראָגן אין זיין גייסט די מעשים מיינע, שיינע,
אויך צום יענעם ראַנד, אַוואו דאָס קלאָרע, ריינע,
אויפסניי לעבט ווידער אויף, נאָך דעם פאַטאַלן שטאַרבן.

יונג, האָט טיפסטע אָרעמקייט מיך צוגעבונדן
ירושהדיק צום טאַטנס שטוב, צעקרומט און מאַכיק.
אַוואו זיין לעבן האָט דאָך געלויכטן תוכיק,
האָט זיין הייליק לעבנס־זין מיין בלוט געצונדן.

איז גיי איך אין דעם אוצר־וואַלד פון ווערטער,
און רייס די דערנער אויס פון אַלע ערטער.

לייב און לעבן

א.

ווי מען טראָגט אַ געפּעק אויף דער פּלייצע,
ווי מען טראָגט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנט, —
אַזוי טראָגן מיר אין דער מחשבה די אַלטע חרובע היים,
ווען מיר טרעטן אויף דער ערד פון היגן לאַנד.

די פּענצטערדיקע ווענט פון די הויכע פּלאַכע מויערן דאָ
סצענירן אוים פאַר אונדזער אויג אַ דעקאָראַציע, געמאַכט
ווי עפּעס פאַר אַ מעשהלע פון „טויזנט און איין נאַכט״.
און ס׳דוכט זיך, אַז ס׳לעבן אַרום דאָ
איז גאָר אויסגעטראַכט,
און וואָר איז נאָר דאָס —
וואָס ליגט אונטער אַן ערדענעם שלאָס.

ב.

אויף אונדזער לייב און לעבן
טראָגן מיר — ווי איין איינציק העמד — אונדזער לשון יידיש,
פון וועמען אונדזערע קינדער זיינען אָפּגעפרעמדט,
און וועמען די היגע גאַס שטויסט אין די זייטן —
נייע וואַוינערטער צו בייטן.
מיט סלינע קושן מיר אוים יעדע שוועל פון אַ יום־טוב,
און וואו אַ געזעמל —
קריכט אַראָפּ די היים פון אונדזערע פּלייצעס
און לשון, יידיש קודש,
נעמט פּלייצן
ווי דורך די מיילער
פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, באָבעס און זיידעס.

ג.

אונדזער גורל־יידיש בענטשט די געשטאַלטן
פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע טאַטעס,
וואָס האָבן פאַר זייערע טעכטער דעם אַלף־בית באַהאַלטן,
און נאָר אין די שאַצקאַמערס פון די יינגלישע מוחות
מיט מורא
און מרה־שחורה
אַריינגעטראָגן די הייליקע תורה.
אָרום זייערע טעכטער — יידישע מאַמעס —
האָט זיך יידיש געקלאַמערט;
זיך געשיצט אין זייערע דלד אמות;
ביי אַ וויגעלע, קלאַנג געהאַמערט . . .
איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ לידעלע
יידיש: דאָס ווייסע ציגעלע,
און שפּרינגענדיק,
זיך איבער דער ווייטער וועלט געלאָזן.

גאָט וועט זי אייביק שפּייזן מיט דעם זאַפט
פון פעלדס גרינע גראָזן.

דער ברונעם

דער ברונעם פון וועלכן כ׳האָב וואַסער געשעפּט,
מיין ייִנגלשער לעבן האָט מיט אים געלעבט —
אין יאַשע דעם מאַליערס באַלעבאַטישן הויף.
האָט דער ברונעם געקוואַלט דורך יאָרנס געלויף.
נאָר איידער מיין לעבן פון אים איז אַוועק —
האָט אַ קללה געניידערט צום ברונעם אין דעק,
האָט פון אים זיך געטראָגן אַ טויטער גערוך,
האָט קיינער שוין מער ניט זיין וואַסער פאַרזוכט.

איך ווייס ניט, צי איז דאָרט דער ברונעם נאָך דאָ.
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן ניטאָ.

אין מיר איז ער דאָ, מיט ראָד און מיט שטריק,
מיט שליאַמיקן עמער, מיט שוואונג און געוויג,
מיט שוואַמיקער נעץ פון פלושענעם גרין.
נאָך וואַסער דער ראָד טרייבט דעם עמער אַהין,
זיך איבערגעקערט, און צעבוטשקעט דעם פלאַך, —
האָט גאָלד פון דער זון זיך צעברעקלט אַ סך,
פון דנאָ, האָט דאָס וואַסער געזונגען „בול בול״,
ביז ראָד האָט דעם עמער אַרויפגעדרייט פול.

איך ווייס ניט, צי איז דאָרט דער ברונעם נאָך דאָ.
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן ניטאָ.

כ׳טראָג עמער אַהיים אויף אַקסל אין קלעם,
פון מאַמען געקראָגן אַ ברכה פאַר דעם.
פון הענט האָט דאָס קענדל איעדן באַגריסט,
טרינק יעדער אין שטוב, איז יעדער דערפרישט.

האָב איך מאַמעס ברכה צו גאָט אָפּגעשטיקט,
אין דאָרשט אין טיפן אויך מיין גומען דערקוויקט,
און אַזוי יעדן טאָג פון וואָך אינעם יאָר
האָט דער ברונעם געקוואַלט, קרישטאָלנדיק קלאָר.

איך ווייס ניט, צי איז דאָרט דער ברונעם נאָך דאָ.
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן ניטאָ.

אויף ראַנד פונם ברונעם האָט עמער געוואַרט.
האָט אַ פויגל געטרונקען ווען דאָרשט האָט געקוואַרט.
האָט אַ בוים מיט זיין שאָטן פאַר אים זיך געבוקט,
פון אַ ווינט — אין פלאַטער — צו אים אַריינגעקוקט.
אַ בלעטל האָט טיילמאָל — פון ווינטס געשטויס —
זיך אומגעוויגט שטיל אויף דעם ברונעמס שויס,
און ווען מיט שטערן די נאַכט פלעגט אַראָפּ, —
האָט לבנה אין ברונעם געשפּיגלט איר קאָפּ.

איך ווייס ניט, צי איז דאָרט דער ברונעם נאָך דאָ.
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן ניטאָ.

איז זע איך נאָך איצטער, דערווייטערטערהייט,
דעם שכנישן הויף, מיט קינד און קייט.
אַרום זיי, אין דערשלאָגנקייט, יאָשע שטייט שטום,
און זיינע פינגער ווײַנען אויף גאָטס אייגנטום.
און אים באַוויינט דער רעגן פון טאָג,
און ס'טראָפּנט אין עמער אַ האַרבסטיק געקלאָג.
און ניט דאָ געדאַכט, ניט היינט געדאַכט,
אויף זיין דאַך שטייט אַ סאָווע און משוגע זי לאַכט...

איך ווייס ניט, צי איז דאָרט דער ברונעם נאָך דאָ.
אין מיר איז ער דאָ, אויב דאָרטן ניטאָ.

ניטאָ קיין טויט פאַר טויטע

דער זיידע ליגט אין בעט
און גוססט מיט זיין אָטעם.
מיין טאַטע — אָוונט שפּעט
מיט מיר, ביי אים צוקאָפּנס.

אַ דעמב איז ער, — באַזיגט
פון דונערן און שלאַקסן,
און איך דערביי, געוויגט —
אַ ביימעלע אין וואַקסן.

מיין שטערן פילט זיין האַנט,
מיך קילן פינגער טויטע.
דאָס אַקערט ער, געאַנט
אויף מיינע יונגע בייטן.

אַז אויפשפּראָצן אין מיר
זאָל תורה צום פאַרשטוינען.
מיין טאַטע, שטייף ווי איך —
אַ פידעלע, צום וויינען.

די באָבע, — ס׳קלאָגט פון איר
דאָס לשון פון איר גומען.
די באָבע, שיקט צו מיר
די טרערן, ווען זיי קומען.

און אָט איין אויגנבליק,
ער איז שוין מער ניט דאָאיק,
דער זיידע גלאָצט זיין בליק,
אַ ספּאַזמע, און שוין רואיק.

מיין טאַטע ברעכט זיך איין,
און איך האָב קוים באַנומען:
אין מיר איז ער אַריין —
דורך מיר, צוריק צו קומען.

און ער איז דאַ צוריק,
איך זע זיין גייסט און ביינער:
מיין זון, ער טראָגט זיין בליק,
זיין האַרץ, אָן זינד אַ ריינע.

מיין טאַטע, ער וועט דורך אים
אין זיינס אַ קינד זיך גרייטן.
עס זאָגט אונדז אלקים:
ניטאָ קיין טויט פאַר טויטע.

פון דער היים

ווען איך בין אַ יתום געוואָרן,
צו עלף יאָר, אָן דער מאַמעשער וואָך —
האָט מיין טאַטע געפירט מיך צו
אַ שניידער, זיך לערנען אַ פאַך.

האָט דער שניידער פאַרזשמורעט אָן אייגל,
ווי געפאָרשט, צי בין איך ניט קראַנק;
פאַר זיין בליק בין איך קלענער געוואָרן,
— „נו, מילא!" — זאָגט הויך זיין געדאַנק.

דערביי אַ פאָר יונגע געזעלן
האָבן די מיילער געצויגן מיט שפּאָט,
און איך האָב געפילט ווי עס רינען
דער מאַמעס טרערן — פאַר גאָט.

און באַלד ווערט מיין פינגער געבונדן
ווי אַ קני, און מיין פלייצע געניגט;
איך זיץ פאַר אַ פּרוּאוו, צו באַווייזן,
צי בין איך צום נייען געטויגט.

אַ געוואַנט, גאָר די גרויס פון אַ לאַטע,
מיטן נאָדל צו שטעכן גיך, גיך;
דאָס געוואַנט, ווי אַ שוואָם פאַרן וואַסער,
ציט דאָרשטיק די שטאָכן אין זיך.

אַ ווייטיק צעשרייט זיך אין פינגער,
מיין האַרץ, אָט באַלד ברעכט זיך איין;
דער שפּאָט פון געזעלן באַהערשט מיך, —
אַ שניידער? — ער וועט עס ניט זיין!

דער אָוונט באַפרייט די געזעלן,
יעדער מיט אַ ניגון פאַרשווינדט;
צום היים, מיין וועג איז אַ ווייטער —
איך גיי, און עס בילן די הינט.

אין שטוב, פון אַ צווייטערס השגחה,
אַ טעלער געקעכטס מיך באַגריסט;
איך עס ניט, כאָטש צונג נעמט מיך סליניען,
— „טאַטע! דיין מי איז אומזיסט,

אַ שניידער וועל איך שוין ניט ווערן,
דער כאָמעט — צו שווער פאַר מיין יאָך.
האָט מיין טאַטע געקושט מיך אין שטערן,
און ווי אַ קינד צעוויינט זיך דערנאָך.

די בלומען-מאַכערין

מיין שוועסטער לזכרון.

א.

צום כלי צעלאָזענעם חלב,
זי טראָגט צו דעם שפּיץ פון אַ ריטל,
מיט בלעטעלעך געל, גרין, ווייסע, רויטע,
אַרום דעם, מיט דראָט זי פאַרוויקלט.

דאַן וואַקסט אויס אַ דייזי, אַ טוליפּ,
און בלומען מיט אַנדערע נעמען.
פּאָר פרעמדע, די היט צו באַצירן —
איר אייגענעם קאָפּ צו פאַרשעמען.

ב.

שטילע רו. איר הויז-געזינד זיגלט
דער שלאָף. און ביים טישל אַרומעט,
עס וואַקסט אין איר אַרבעט די קופּע,
ביז שלאָף, אין די שלאָף-ווינקלען זשומעט.

באַצווינגט זי מיט ניגון איר שאַפונג,
און ס׳גייען אַדורך אירע פינגער
געדראָטלטע פאַרביקע בלומען,
חיונה, צו מאַכן איר גרינגער.

באָרגט זי, צום נאַכטיקן לעמפּל,
שיין, ביי לבנה און שטערן.
גאָט, אוואו איז איר קבר? . . .
כ׳וויל שיקן צו איר מיינע טרערן.

ראָד פון אייביקייט

דער טאַטע ליגט דאָרט ניין איילן טיף,
און ביים זון אין שטוב ער הענגט אויף דער וואַנט.
און אין אַ בריוו, אין זונס בריוו־אַרכיוו,
דער טאַטע בענקט נאָך אַלץ צום נייעם לאַנד . . .

„ען יאָרצייט קומט — אַ ליכט אין גלאָז
פלעמלט, רויכערט, הויבט זיך און פאַלט.
און ביים זון אין שטוב (אונטער זיין נאָז)
וואַקסט אויף אַ קינד, דעם טאַטנס געשטאַלט.

צום אייניקל קלעפּט זיך זיין נאָמען אַרויף
און אין אַ תנועה אַמאָל: דער טאַטע איז דאָ!
און דער זון אַליין, אויף זיין אייגענעם גוף
זעט אין גרוי, דעם טאַטנס שוין געעלטערטע שעה.

אין זון, און אין קינד, און אין קינדס אַ קינד,
איז דער טאַטע דאָ, מיט דעם הויז־געזינד.

דריי „קליינִיקייטן"

ניט דעם זייד פון טלית, ניט דאָס תפילין-זעקל,
איז ירושה פון מיין טאַטן, עליו השלום: —
נאָר צו אַ וועלט-אויסלייז, — זיין אויסגעבענקטער חלום, —
פון דעם, גע׳ירשנט כ׳האָב אַ ברעקל.

און ניט פון פּראַקטיקייט, עולם-הבא מורא,
מיט זעל געפּייניקטער אחריות.
פון זיין יום-טובדיקן קוש, דער ספר תורה —
פון דעם, גע׳ירשנט אַ כזית.

און ניט פון די תעניתים: — שאַרפע רייצונג —
איז מיין הונגער, וואָס איך טראָג דאָ אין זיין שאָטן:
איך האָב גע׳ירשנט, פאַר מיין פּראַצע, זיינע טראָטן,
כדי אויף אייגן ברויט צו מאַכן אַ המוציא.

דריי „קליינִיקייטן", אויף מיין קאָפּ אַ ברכה,
טראָג איך בירושה אין אַ משפּחה.

מיין טאַטע־מאַמע

זי האָט פאַרערט מיין טאַטן אי מיט צוטרוי, אי מיט גלויבן.
און פאַרקליינט אים, ווען עס איז געקומען צו דער פלאַג, פּרנסה.
ווייל אין שטוב איז גראַשנדיק געווען די הכנסה,
וואָס גאָט האָט אים — געקאַרגט — אראָפּגעשיקט פון אויבן.

ער איז געווען פאַר איר געצווילינגט, פונקט ווי צוויי געשטאַלטן:
אַ שבת־יום־טובדיקער תנא, און אַ וואָכיקער לא יוצלח.
איר מאַנענדיקע טענה פלעגט ער אָפּשלאָגן מיט וויצלעך —
די טויב פון שלום־בית אין זיינע דלד־אמות אויפצוהאַלטן.

זי איז געווען פאַר אים אַ בעכער ווייַן מיט אַ טראָפּן שנאה ;
אַ געבענטשטע מיט געבורטן, ווי עס איז פון פרוי דער שטייגער.
נאָר דעם קינדער־שאַץ האָט זי געשטעלט אויף אַ העכערער מדרגה,
דערפאַר ווייל געלט איז ניט געווען דער רעיון אין זיין זינען.

און איך געדענק, ווי קעגן אירם אַ ווערטער־האָגל
געזאָגט האָט ער : „אַז מיר זאָל זיין פאַר דיינס אַ מינדסטן נאָגל.״

מיין טאַטע און איך

מיט קאַרגשאַפט אין זיין וואָרט,
מיט שטילקייט פון אַ שאָטן,
איז ער אויף וועלט געטראָטן
מיט פרומקייט אויף זיין באָרד.

גענידעריקט אין גוף,
געמאָגערט אויפן פנים,
אַ שותף צו אביונים —
אַ לערנער אין באַרוף.

אין שול, — געטרעפט פון טיר, —
זיין „שטאָט", די אויסדערוויילטע.
מיט שכנים נאָר געציילטע
געקומען אין באַריר.

אין מיינע שטילע טראָטן
בין איך אין אים געראָטן.

דער גאַסט — מיין טאַטע

אַ גאַסט איז אַריין אין מיין ליד,
און זיצט אויף דער אויבערשטער שורה
ווי אויף כסא-הכבוד. — ביי אים
איז ליכטיק די שיין אויף זיין צורה.

מיין טאַטע, ער לייענט מיין ליד,
פון זיינע — דורך פיין — מעשים טובים,
גנאַדיק ער שפּייזט עס צו זאַט
אין קייט, פון משפּחה, און קרובים.

מיין טאַטע, ער לייענט מיין ליד
ביז מיד זיינע אויגן זיך שליסן.
אויף פּוכיקן קלאַנג פון מיין וואָרט —
ער שלאָפט אין די שורות, צווישן.

ער וועקט זיך. און כ׳הער אינדערפרי,
ער דאַוונט מיט טיפער כוונה
מיין פּשוטן ליד, וואָס איז יונג —
נאָר פול מיט זיין צער אויפן פּנים.

ער דאַוונט, און וואונדער געשעט,
מיטן שכל דאָס ניט צו דערקלערן.
פון זיינע עינויים ווערט ליכט. —
דאָס צינדט פאַר אים גאָט זיינע טרערן.

דער משכון

די זילבער-לײַכטער — דער ברען פֿון התלהבֿות —
האָט אָפֿט מײַן טאַטע אָפּגעטראָגן אין לאָמבאַרד,
און פֿאַר די קאַרגע פּרוטות האָט ער אַרײַנגענאַרט
— פֿאַר דער מאַמען — דעם אויסגעווײנטן שבת.

יום-טובֿ-צײַט איז שוין די שטוב געווען באַרײַכטער.
אַ פּעדער-קישן האָט ער פֿון זײַן בעט גענאַרט —
מיט דעם, צוריק אויסטוישן פֿונם שטאָט-לאָמבאַרד
זײַן „האָב און גוטס", די זילבער-לײַכטער.

אין אַלע ווינקלען האָבן געלויכטן דאַן ווי שטערן —
פֿון שפּיגלדיקן זילבער — די צוויי פֿלאַמען ליכט.
נאָר ביים שלאָפֿן-גיין — אין דעם אָנגעזיכט
פֿון הוילן ציכל — פֿלעגט די מאַמע אומעטיקער ווערן.

יאָ, אומעטיקער. ביז נויט האָט איר צום טויט געטריבן.
איז שוין דער משכון אין זיכרון מיר פֿאַרבליבן.

די אַלטע שטוב

די אַלטע שטוב איז אָרעם,
נאָר די פּאַליצעס — רייך מיט ספרים.

דורך די וואָכן-נעכט, און אין די שבתים,
דורך די יום-טוב-טעג — די קדשי-קדשים —
ליגט רב עליע אין די ספרים זיין הארץ אריין
און לייטערט זיך פון גלותדיקן זיין.

— "אוי גאָטעניו! אוי גאָטעניו!"

זיין ווייב, ראָכע,
וואָס נאָר די שבתים יום-טובן איר,
און די יום-טובים גיבן איר הצלחה,
שלינגט מיט די אויערן איר מאַנס שעפּטשענדיקע ווערטער.
זיי באַזינגען איר, באַקלערטער,
פון אַן אומקלאָרער פאַרשטענדלעכקייט,
און ווי אין רעפריין זאָגט זי נאָך:
„אוי גאָטעניו! אוי גאָטעניו!
גיב אונדז שוץ און זעט, אויף דער פולער וואָך".

ס'איז שבת.
אין דרויסן דעמערט.
מיט אָוונט-צייט
זעצט זיך אויפן הימל די לבנה,
און לויכט — קעגן דרויסנדיקער סכנה —
ווי אַ לאָמפּ פאַר זייער פענצטער.

— — — — — — — — — —

פון זייערע קינדער, דער קלענסטער,
בין איך נאָך דאָ.
די שטוב איז ניטאָ.
אַוועק ווי אַ תפילה צום הימל.
נאָר איך זע זי אויף איר אָרט, אין מיין דרימל.

מיר פעלט...

אין בענקענדיקער דערמאָנונג, אוי ווי בין איך אָרעם.
מיר פעלט דער מאַמעס טייטש־חומש, דעם טאַטנס ספרים.
מיר פעלן די תפילין, אויך דער אַלטער טלית —
דאָס קלייד פון קענען יום־טובן דעם דלות.
מיר פעלט די קופער־פאַן, פון מעש דער סאַמאָוואַר,
די זילבער לייכטער צוויי, מאַמעס אינדזלדיקער צער.
מיר פעלט פון פאָדער־שטוב דער כריפּענדיקער שלאָג
פון זייגער מיט די קייטן פאַר דער וואָג ;
דער קליידער אַלמער, דער קאָמאָד פון גרעט,
און פון טונקל אַלקערל, די סקריפּענדיקע בעט ;
דער טשאָלנט־טאָפּ דער ליימענער, אין דראָטן איינגעפּענט ;
דאָס בלעכן קענדל פאַרן וואַסער — ברכות אין די הענט ;
אויך דער דינער גאָלד־זאַמד אויף געוואַשענער פּאָדלאָגע.
אוי, מיר פעלט די טרער, צו קענען זיי באַקלאָגן.

אַ חלום

צו אַ באַרג כ׳בין צוגעקומען,
און ווייטער ניט אַ טראָט צו מאַכן.
אַרויף צו גיין — די כוחות שטומען,
צוריק צו גיין — דאָרט שדים לאַכן.

נעם איך באַלד דעם בורא לויבן:
אַזאַ חסד פאַר מיין עלטער.
נעמט אַ האַנט צום באַרג מיך הויבן
פון דעם ערדישן באַהעלטער.

און וואָס ס׳געשעט, איז פלאי פלאים.
דער באַרג ווערט פלאַך, און איך טרעט ווייטער.
אָפּגעשיידט פון אַלע ברואים —
ווערט טאַטע מיינער, דער באַגלייטער.

זאָג איך, קינדיש: „טאַטע ליבער,
פאַרוואָס אין וועלט אַזויפיל פיינען?״...
גייט אַ שאָטן אים אַריבער
און צוויי העלע טרערן שיינען.

שטיל ווי פליסטער, קוים צו הערן,
מיט די טרערן קומט אַ רמז:
„ויהי אור, וועט ווידער ווערן,
ווען די וועלט וועט ווערן אמת״.
— — — — — — — — — —
כ׳האָב צעריסן פונעם חלום
אַלע איינגעשטעלטע נעפּלען,
און מיט גלויב פאַר גליק און שלום
אַ ניי ליד גענומען פּרעפּלען.

צו גאַסט

פון טאַטנס ייִנגסטע שוועסטער, די אַלמנות דריי,
איז ליבערשט מיר געווען די מומע צירע,
מיט איר בת-יחידה אין אַ שאַלקע-דירה,
מיט דערווירטשאַפט, ווי געשייערט קופּער, ניי.

און שבת נאָכן שלאָף, און טיי פון הייסן ליאַק,
מיך פירט מיין טאַטע איר צו גאַסט, פּאַוואָליע
אַדורך די זייטן-געסלעך. און אָט, די טרעפּן שמאָלע,
אָט בריט דער מומעס הייסער קוש מיין ייִנגל-באַק.

— „גוט-שבת!" — זאָג איך נאָך דעם טאַטן שטיל געפּאָרכט.
און צו מיין בליק, איר בת-יחידה שמייכלט
מיט אַ שוועסטער-שמייכל, יונג און פרום געשכלט.
עס טראָגט די מומע כיבוד, דעם וויין, און טאָרט.

אין שמועס, זעצט זיך דער פּאַרנאַכט אַרום דעם טיש.
אויך מיין ערשטע ליבע, פון גאָטס באַהעלטעניש.

אַטענטאַט

(מיין ברודער פּייוולען געהייליקט)

אין שטעפּעריי פאַבריק מיט גאָר זיין יונגן לעבן,
איז ער געזעסן, און געשטעפּט קאַמאַשן-לעדער.
פּאַוואָליע ראָלט זיך יונגער טאָג, אויף שעהן-רעדער.
צו מיטאָג האָט ער זיך פונעם שטול אַ הייב געגעבן,

אַ טאַפּ געטאָן דעם פּיסטאָליעט, און אַראָפּ די טרעפּן.
ביים ראָג, האָט אָפּגעקנאַלט אַ שאָס, באַלד אַ צווייטער.
אים יאָגט דער אימפּעט צום מאַשין. צוריק אַ גרייטער,
ער זיצט, און זיינע פיס און פינגער, ווידער שטעפּן.

אַ שטורעמדיק מהומה טראָגט זיך איבער הויפן.
דער „מאַרק" איז ערד-געציטער. קינד און קייט דערשראָקן.
פון קלויסטערס טורם-האַרץ צעקלאַגן זיך די גלאָקן.
זשאַנדאַרן ווילדע, קומען אין פאַבריק צו לויפן.

זיי נישטערן אין יעדנס פּנים. נאָר אויסגעוועפּט
איז שרעק ביי יעדערן. דער העלד, ער זיצט און שטעפּט.

אַלס קינד

דעם שכנס הונט האָט מיך אין פּוס געביסן,
האָט פון דער וואונד גלייך אָנגעהויבן בלוטן.
בין איך, אין געשרייאיקע מינוטן,
געלאָפן, אַז מיין מאַמע זאָל עס וויסן.

האָט זי מיך גלייך אויף אירע הענט גענומען,
און אין שרעק געבראַכט מיך צו דעם רופא.
דאָס בלוט האָט באַלד דאָרט אויפגעהערט צו לויפן,
און מיט דער וואונד, איז יענע צייט פאַרשוואומען.

נאָר דער שכן — פון אַ יעגער גיכער —
וואָס האָט געשאָטן קללות מיך אַהינטער —
דער שכן גויעשער — שד פאַר קינדער —
ער שטייט נאָך אַלץ פאַר מיר מיט זיין רציחה.

ליד פון אַ יתום

כ׳בין אַ קינד געוועזן און ניט פאַרשטאַנען,
אַז וויינען דאַרף מען ווען ס׳שטאַרבט די מאַמע.
האָב איך דאַן, מיט דעם הויז-געזינד צוזאַמען,
דעם אָרון נאָכגעפאָלגט מיט שטילע שפּאַנען.

ווען זעמדער האָבן צוגעדעקט דעם אָרון,
צו שכנען אויף אייביק מיט די טויטע,
בין איך דאַן — צווישן די בית-עלמין-קוויטן —
געשטאַנען עלנט, טרוקן ווי אַ דאָרן.

אין שטוב צוריק, מיט צוגעדעקטן שפּיגל,
ביים שבעה, און געטרייסטערהייט פון שכנים,
האָב איך געאַנט — מיט ערשטן שלוכץ פון וויינען —
די ערשטע הייסע טרער אויף וויע-פליגל.

און זינט דאַן, ווי אַ טראָפּן פאַר אַ רעגן,
באַוויין איך זי אויף אַלע מיינע וועגן.

פחדיקע קריצן

אַ ווילדער שטורעם פליוך, ווען רינוועס שוימען איבער אַלע ברעגן,
דערמאָנט מיר אָפט אָן אַ געוויסער — ווען אַ טייך ווערט הויך געשוואָלן,
און אַרויף, ווי פון טיפע אָפגרונטן—די בייז וואולקאַנען טאָלן—
פאַרפלייצן—פון דער שטאָט—מיט וואַסער אַלע פירנדיקע וועגן.

אין קינדער־יאָרן כ׳האָב אַזוינס געזען. שווילאָשץ, מינסקער טייך דער מילדער
ווי אַ סערפּ אַרום באַפעלקערטער שטאָט — האָט צעשפּילט זיך פון זיין נאַכט־בעט
און אין פרילינגדיקער פרי, — אין רעשדיקן צייט־פאַרקער פון אַרבעט —
אין שיפלעך האָבן יונג און אַלט די וויעסלעס גיך גערודערט מיט געפילדער.

ווי ים־גזלנים זיינען שטראָמען דורך די פענצטער פלינק געקראָכן
צו די נידעריקע שטיבער פול מיט מאָך געבויגענע פון עלטער,
וואָס געוואַקסן זיינען זיי ווי שוואָמען פאַזע טייך. דער פאַרשטעלטער
שד־געוויסער האָט געבראָכן מעבל, געיובלט פון נצחון.

כ׳טראָג נאָך איצטער אין זיכרון יענע פחדיקע קריצן,
ווען אַ ווילדער שטורעם־פליוך קומט אָן מיט דונערן און בליצן.

צום ברעג

אין ווייען גוידערט זיך דאָס נאַקעט לייב פון ים,
אויסגעשפּרייט פאַר זון, לבנה, און די ווייטע שטערן.
שיף צעאַקערט אין איר אינגעווייד דעם פלאָם —
פון לאַנד אַמעריקע, וואָס דאַרף באַלד געבאָרן ווערן.

זינגען צו דעם לאַנדס געבורט געהייליקטע מאָמענטן,
און טראָט ווערט פרייד-געקלאַנג, אויף פּייכטן דעקענפלאַך.
איך זע — אַ מענטש-געווימל, יעדער מיט זיין אייגנשפּראַך;
איך הער—אַ מענטשן-גרוס, פון ווייטע שטעט און קאָנטינענטן.

און אָט—פון נעפּל רייסט זיך דורך אַ דין באַשטראַלטער גרוס:
אַ פאַקל-ליכט, געשטרעקט אין האַנט פון אַ סטאַטוע.
זי רופט מיך מיט אַ פליסטערנדיקן פלאַמענקוש:
„אין מיינע אָרעמס קום! פאַר דיין ישועה!"

„איך קום!" האָב איך געזיפט געציילטע רייד,
צו זייען טרערן, און צו שניידן פרייד.

גיי ווייס...

די באַן קומט אָן אין האַמבורג, אויף מיין רייזע קיין אַמעריקע.
ס'אַראַ אויסטערלישע פּנימער פון אַ ייִנגל פון דער ליטע.
פּנימער, אויף גרויסע גופים, ווי די קירבעסן צעבליטע —
גיי ווייס, אַז שפּעטער וועלן זיי דיין אייגן פאָלק צעגעריקן
(צענהרגן).

דער גרוי־אַספאַלט פון גאַסן, ריין, ווי טייכן איינגעפּראַרענע.
אין שויפענצטער, און גאַס־האַנדל — האָב און גוטס, ווי
אויף יאַרידן —
גיי ווייס, אַז דאָ וועט בלוט פאַרגיסן זיך פון ייִדן;
אַז דאָ וועט דייטשע העפלעכקייט ווי שטורעם נעמען צאָרענען.

ס'איז צוגעפאַלן צו מיין האַרץ—ווי קושעניש פון קרובהשאפט—
ווייך־דייטשער דיאַלעקט, מומע צו מיין ייִדיש לשון —
גיי ווייס, אַז שפּראַך קען ווערן שווערד צום קאַסיען
און קושעניש, פאַרסמטער בים פון חיהשאַפט.

אויב איך באַדויער וואָס, זאָל זיין מיין טיף באַדויער,
דער טראַט מיינער אויף יענער ערד, יזכור אין מיין טרויער.

דאָס קליין־געלט

צום שיפס־קאַרט פאַר אַמעריקע פון מיין ברודער צוגעזאָגט,
האָט קליינגעלט אויסגעפעלט: מאַלע וואָס אין וועג קען טרעפן.
האָט מיין שוועסטער באַלד איר טרערן־קוואַל געטאָן אַן עפן
און מיר צוגעשטעלט די לעצטע טרער וואָס זי האָט נאָך
פאַרמאָגט.

האָט מיין טאַטע — ווי אַ כמאַרע איינגעדעקט אין זאָרגן פול —
לאַנג אין זשעדנעם בייטעלע גענישטערט מיט די דאַרע הענט,
און ווען קיין פרוטה פון איר באַהעלטעניש געפינען ניט
געקענט —
האָט ער באַלד פון איר לערער טיפעניש אַרויסגעשלעפּט אַ נול.

האָט מיין שוואָגער — וואָס איז געוועזן ווי אַ כעלמער קלוג —
גענומען נאָדל און אַ פאָדעם, און ביים האַרצן אין מיין העמד
דאָס איינגענייט. „מען דאַרף זיך היטן פאַר גנבים אין דער
פרעמד",
האָט ער געזאָגט, „פאַרן יתום וועט עס מוזן זיין גענוג".

האָב איך דאָס „קליין־געלט" אָפּגעהיט, — און איך טראָג עס פול
מיין גאַנצן לעבן: דער שוועסטערס טרער, דעם טאַטנס נול.

מיט אייך...

ווי איר זעט, בין איך נאָך אַלץ אַ יינגל,
וואָס גייט זיין טאַטן נאָך, טראָט אין טראָט,
וואָס אַפילו איצט, אין אַ פרעמדער שטאָט,
נאָך זיין ווייטן טויט, בין איך פון אים אַרומגערינגלט.

איך ווער נאָך אַלץ פון זיין וואַכן בליק געהיט,
ווען פון אַ קוואַל מיין ליד טרינקט זיך אָן מיט זאַפט.
ווי איר זעט, בין איך נאָך אַלץ חידושדיק פאַרגאַפט,
ווען איך קום צו אייער טיש, וואו איר ציילט מיך מיט.

איז וואו איז פאַרט מיין אמתע געשטאַלט,
אין גלייכער מאָס פון יאָרן — אין דעם שטח-וועג ?
— אין יאָך ! ער שמידט אין מי מיינע וואָכעדיקע טעג.
אין אים בין איך ווי אַ מענטש אין מיינע יאָרן אַלט.

איז טרעפט — ווען אין מיין אָפּגעהיטער קעניגרייך
פון רו, זון צעהעלט זיך, און דאָס האַרץ — דערפרייט —
דעמאָלט פאַלט מיין עלטער אָפּ — און אויפגערירטערהייט,
ווי אַ יינגל, שעמעוודיק, איך קום מיט ליד צו אייך.

מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע

גאָט לאָזט מיך אַרומגיין מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע,
אויף אויפצוקלייבן די ברעקלעך פון מיין יידיש לשון
וואָס זיי וואַרפן אומזיניק אַרוים פאַר די ביטולדיקע שוועלן,
אַז אין קעהל זאָל עס מיט שטייפער צונג זיין ביז אייביק
צוגעשלאָסן.

ווי האַרטע סקאָרינקעס: ברוים פון מיין קודש יידיש
קלייב איך פּאָרכטיק אויף, און צעווייק עס מיט
טאַטע-מאַמע טרערן
אויף צו זעטיקן אונדזער דויערדיקן גאַנג: — פאַר זייער
טובה וועגן —
אַז מיט אונדזער פאָלק זאָלן זיי, זין, און פרייד-געזאַנג דערהערן.

ווי שיימעס, קלייב איך מיט אַ ציטער אויף פון זייער שוועל
די ווערטער
און צי זיי אויף אַ פּערל-שנור אַרויף יחוסדיק אויף האַלדז
צו טראָגן;
אַז קענען זאָלן זיי מיט תפילה פון זייער שחרית, מנחה, מעריב,
צו גאָט, פאַר אַ קיומדיקן יידיש לעבן, פרום דעם אָמן זאָגן.

אַרום דיין גרויען קאָפּ

אַרום דיין גרויען קאָפּ, זע עס קרייזן
ווי טויבן, דיינע יונגע יאָרן.
זיי קומען פון אַ זומער רייזע
צום פעלד, וואָס איז פאַרהאַרבסט געוואָרן.

זיי שטעלן זיך אויף דיינע אַקסלען
און וואָרקען פון די ליידן, גליקן.
די קערנער אויף דיין פעלד געוואַקסן
פון דיין פולער האַנט זיי פּיקן.

באַגעגעניש פון ביידע צדדים: —
יונגע יאָרן. אַלטע יאָרן,
זיי בינדט צונויף אַ זיידן פאָדעם —
געטרייער שומר, דיין זכרון.

וואָלקנס אונטער דער זון

ס׳איז כישוף

אין ישוב פון קלאָרן זכרון,
דאָרט ליגן פאַרלאָפענע יאָרן.
זיי קומען אַהין דורך דער בריק
פון נאַכט, וואו ניטאָ דער צוריק.

ס׳איז כישוף, ס׳איז כישוף, ס׳איז כישוף;
דו וויל נאָר, באַלעבט זיך דער ישוב;
דו גיב נאָר דעם פאָרהאַנג אַ צי —
דערזעסטו דיין קינדהייט מיט גלי.

זי צינדט אָן פון האַרץ דיין באַהעלטער.
ס׳ווערט יוגנט אַ גאַסט ביי דער עלטער,
געקומען דורך רעגן און ווינט —
די עלטער, געקושט פון זיין קינד.

פון שליאַך־וועג ביים גרענעץ: יסורים —
די זון קומט פאַרטרייבן דעם שטורעם.
און פון וואונד, וואָס צייט האָט געהיילט,
ווערט אַ מעשה צו ווערן דערציילט.

ס׳איז כישוף, ס׳איז כישוף, ס׳איז כישוף.
דו וויל נאָר, ווערט ליכטיק דיין ישוב.

אויף יעטווידער שיינקייט

אויף יעטווידער שיינקייט זאָגסט: אָמן!
זאָג עס אויף שיינקייט פון עלטער,
ווען טעג ווערן קירצער און קעלטער,
און ס'דעמערט מיט אָוונט דיין נאָמען.

דען זע! — אין דיין קילסטער באַרואונג,
זינט קינדערשע טריט פון געבאָרן,
דורך ווייטן מהלך פון יאָרן —
די שפע, געשפרייט פון דיין טואונג.

אַ שייער אַ פולן מיט תבואה
פון לידער, ווי גארבן געבונדן,
צו היילן פון לעבן די וואונדן
מיט טרייסט, אין געזאַנג פון נבואה.

און קעגן די יאָרן, וואָס זשומען
ווי פליגן צום נאַכטיקן פייער,
זע! אין משפחה דיר טייער —
גאָטס ברכה, געבענטשט אויף דיין גומען, —

דיין היטערין — פרוי, אַ געשעצטע.
אַ קינדס-קינד, פון שטאָם דיינס אַ שורש
צו וואַקסן און ווערן אַ יורש
פון גאָב, ווען „ער" גיט די לעצטע.

צו טראַכטן פון דעם ווערט צעהעלטער
טונקעלער וועג צו די תהומען.
— — — — — — — — — — — —
אויף יעטוועדער שיינקייט זאָגסט: אָמן!
זאָג עס אויף שיינקייט פון עלטער.

אין אָנגעזיכט פון קינדס אַ קינד

מיינע אייניקלעך אַ מתנה

ווען דיין בלוט שפּילט אַריין אין דריטן דור,
זאָג: ווער איז דעמאָלט צו דיר גלייך?
דער ווייסער עלטער-וועג ווערט פאַרבן-רייך
ווען ס׳ליכטיקט זיך פון מאָרגן אויס געהאָפטע וואָר.

אין גרינגן מוט געוועלטיקט דאַן דיין טראָט מיט קלאַנג
צום קינד, ווען ס׳קוואַלט דיין בענקעניש נאָך דעם.
אין פולער שטראַליקייט די זון באַקליידט דיין וועלט-באַנעם
און ליכטיקט-אויס פאַר דיר אַ נייעם זונען-גאַנג.

דיין יאָך ווערט גרינג. געזאַנג אין דיינע גלידער
טראָגן ליוב צו גאָט, פאַר שענקען דיר זיין גאָב —
די פולע קוישן לעבנס-פריידן, וואָס מעקן-אָפּ
צייכן פון די יאָרן, ווען קינד אַליין ווערסט ווידער.

ס׳איז אַ גרויסער גליק. אין אָנגעזיכט פון קינדס אַ קינד
ווערט אָפּגעטעמפּט צייטס הויכער זייגער-שלאָג.
מיט ליבער פרוי וואָס גורל-גליק דעם זעלבן טראָגט,
גייסט אויף בריק צו יוגנט, און עלטער-טראָט פאַרשווינדט.

אַ תפילה פון אַ בוים...

מיין אייניקל, עזרא יוסף

כ׳בין דער עלטסטער בוים אין אַ גאָרטן;
אַרום מיר די ערד איז פאַרדאָרנט.
ווען שטורעם אַרום האָט געצאָרנט,
האָט צייט מיט אַ חלף געשאָכטן...

איצט זע איך דערביי מיר אַ שפּראָצונג —
אַ פלאַנץ, מיט גאָר דראָבנינקע בליטן —
גיב יאָרן מיר, גאָט, איך זאָל היטן
זיין וואַקסונג, וואָס קומט פון דיין רצון!

צו קילן אויף אים מיט מיין שאָטן
ווען זון קומט מיט פייער צו ברענען;
דעם שטורעם פאַרהאַלטן צו קענען,
וואָס וויכערט, אין די מענטשלעכע טראָטן.

מיט אַלץ וואָס דו טוסט מיך דערנערן,
כ׳זאָל טיילן זיך, ביסן מיט ביסן;
אַז פלאַנץ פון דער ערד זיך געריסן,
זאָל קענען אַ בוים אַליין ווערן.

פון גאָרניט וואַקסט גאָרניט. דאָס ווייס איך!
דעם זאָמען — אַ ווינט האָט פאַרטראָגן,
און דו האָסט געהייסן אים יאָגן,
צו שטיין לעבן מיר, אין מיין חושך.

צו וואַקסן אַ בוים נאָך דיביימער,
וואָס גרויליק די צייט האָט דערשאָכטן.
ביז איך וועל אוועק פונעם גאָרטן —
לאָז היטן אים, דו, זיי מיין שומר.

פינף דורות

ס׳איז מיר באַשערט געווען נאָך אָנקוקן מיין זיידן,
אַן אַלטער חלוש, און אַ קראַנקער אין זיין בעט,
אין פליסטער הערן אים פון בוראס תורה ריידן,
און איינזאַפּן אין האַרץ ביי מיר זיין ברכה־גלעט.

באַשערט מיר אויך, אין לעבנס־גאַנג, צו זיין אַ זיידע.
איך בענטש מיין אייניקל אין ליבשאַפט, קוש עם היים.
נאָר אין דעם זין־דערמאָן, פון יענעמס עלטער־ליידן —
צי בין איך ווערט דעם נאָמען זיידע? — גאָט נאָר וויים!

מיר פעלט די גראָע באָרד, דער פאָרכטיק־געלזוכט פנים,
מיר פעלט די מורא, און דער פרומער קוק צו גאָט;
אַז ווי אַ נאַר צווישן דיכטערישע נאַראָנים,
איך טאַנץ מיין יוגנט נאָך אין זינגענדיקן טראָט.

אַ זיידע! וואָס אין זיין שטאָם, ער קייכט און הוסט ניט
אונטער,
נאָר שפרינגט פון יאָך אַרויס, פונקט ווי אַ העזל גרינג;
און עסט די פאַשע פון זיין ליד, וואָס גאָט שפרייט מונטער
מיט פולער שפע פאַר זיין זינגער, — און איך זינג

פון דורות פינף: וואָס מיט זיי צו לעבן האָט מקיים
געווען די ברכה וואָס מיין זיידע האָט געזאָגט.
ס׳איז וואָר! אויך איך הער עלטער קומען, נאָר איך לאַך אים
גלייך אין פנים, ווען צו מיין אָנגעזיכט זיין טראָט זיך טראָגט.

מענטש און ליידיקגייערײ

שרײַב אים ניט צו פֿון פֿאַך, די אַרבעטסלאָזיקייט.
אויך ניט די קליפּה־פֿוילקייט, ווען ער דינט טרײַ.
כאָטש בײדע זאַכן זײַנען סינאָנימען, איבערצייגט
צו אַ מענטשנס ליידיקגייערײ.

שרײַב אים צו אַ פּוסטקייט, ווי פֿון אַ שׂריפֿה אָפּגעברענט,
ווען אין אַ לעבן קוואַרן איין די לעצטע יאָרן
און האַרץ ווערט אַ דירה מיט פֿיר פּוסטע ווענט,
און אַ בית־עלמין — דער זכרון.

שרײַב אים צו אַ טויטן־פֿאַל, וואָס טעמפּט דעם בליק אין פּנים,
ווען חרטה אויף אַ לעבן עסט זיך איין אין אַ געביין.
האָסטו דען ניט געהערט ווי מענטשן ווערן איבער
זיך אַליין תּלינים
און בלײַבן הענגען אין דער ליידיקגייערײ, ווען זיי זײַנען
נאָר אַליין ? — — —

פֿאַראורטייל ניט ! אין באַדויער העלף אים, צאַם דײַן שפּאָט !
אַ מענטש אַזאַ איז אָפּגעזאָגט פֿון לעבן, און פֿאַרזען פֿון גאָט.

אַלטער ליד־באַשאַפער

י. ה. ראַדאָשיצקין געהייליקט

ער שפּילט די לעצטע קאָרט. עס גייט זיין וועלט פאַרביי אים
ווי אויף דעם פּנים פון דער זון אַ ליקוי חמה.
ער קלייבט די לעצטע שורות, קושט די לעצטע גראַמען,
דעם חבר־קלאַנג צום ליד, וואָס איז געווען געטריי אים.

ער זעט, ווי ס׳בילדעט זיך אַ באַרג. ער שטייט אין צונטער
פון דער שקיעה. אים שטופּט אַ האַנט. ס׳ווערט באַרג אַ פּייקל
און ער — אַ שטיין, וואָס זינקט אַרונטער טעמפּ אין קייקל
ווי אַ פלאַכטע ערד, וואָס אַ שטורעם רייסט אַרונטער.

צי איז עס טאָל, צי איז עס גרונט, אַוואו ער נידערט? —
אַלץ איינס! אים רופט דער שלאָף, זיין חלום איז געשמאַק אים,
ער שפּילט די לעצטע קאָרט, ער הערט ממעמקים
ווי עס זאָגן נאָך אים קדיש, אַלע זיינע לידער.

אַלטער ליד־באַשאַפער! זינגער אויף ניטדאָאיק אָרט!
אויך איך אין גורל דיינעם שפּיל באַלד די לעצטע קאָרט.

יונגע זקנים

זיי טראָגן גרויע קעפּ אויף גורלדיקע יאָרן,
און דינע קרעכצן אין די שטילע שפּרייזן,
און קליינע הויקערס ווי אויף אַלטע גרייזן —
וואָס גרייטן זיך שוין מיט די פּעקעלעך מיטצופאָרן.

זיי טראָגן סומנע רייד מיט קורצן אָטעם,
און בלאַנקע אויסגעשאַרפטע בליקן, וואָס שניידן
גרויקייט וואָס צעשפּרייט זיך, ניט אויסצומיידן
יענעם גרענעץ — צום משפּט פון משפּטים.

זיי טראָגן שלאָף אויף פּנימער (דין און אויסגעשטאָכן
מיט האָרוואָרצלען, ווי זילבער נאָדל שפּיצן),
און טיפע איינזאַמקייט, וואָס בויט איר היים אין בייטן-קריצן,
און שלעפּט אַראָפּ די גלידער, האַלב שוין איינגעבראָכן.

אָ, יונגע זקנים, מיט דעם אַש פון ברענענדיקע יאָרן,
אייער נאַכט-וועג שלענגלט זיך דורך שליאַך פון מיין זכרון!

עלעגיע

לזכרון די שרייבער נפטרים

מיר זיינען אַ דור פון שטאַרבערס,
און פרי פאַרגייען מיר איינער נאָכן צווייטן.

מיט יונגע און אַלטע טויטן
געפינט מען אונדז —
ווי דער שפּאַרבער
געפינט פאַר זיין הונגער די שוואַכע פייגל.

אָ, וואָס טרייבט אונדז אַזוי פרי דער טויט
צום לעצטן עולה רגל? — — —
מיר האָבן דאָך נאָך קיין יורשים ניט אָנגעגרייט
צו דעראַקערן פאַרן הייליקן וואָרט אונדזער פעלד,
אַז צום סיום ה׳שניט —
מיר זאָלן קענען דערזען, דערהערן —
דורך געצונדענע טרערן —
דאָס געזאַנג פון אונדזער אויפגייענד ליד
פאַר קיום האומה.

שטומע,
איינער נאָכן צווייטן גייען מיר נאָכן אָרון
געקייטע אין ווייען.
מיר וויינען פאַרלאָרן,
און קיינער ווייסט ניט,
און קיינער זעט ניט,
דעם אייגענעם טויט, אין די ענגע רייען.

ביי אַן אַלטן בית עולם

דער געגנט רעשט מיט אויטאָ-יאָג
און טראַט-געשפּאַן פון עולם.
אַ גאַס געקרייצט — ביים ענד פון ראָג —
דאָרט שטילט אַן אַלט בית עולם.
אַ הויז דערביי אויף רויט געפאַרבט,
אוןביימער — צוויי אבלים.

פון אייזן-פלויט דער צלם-קאָפּ —
אַרויף צום הימל קוקט ער.
מצבות צו אַ טאָל אַראָפּ
רק איינס אויף איינס, געבוקטע,
ווי ברוגז צו דער רויטער הויז
צו זיי, אַ צוגערוקטע.

די קרובהשאַפט — ווי קומט אַהער
פון הויז צו דעם בית עלמין,
וואו קברים איז ניטאָ דאָרט מער
פאַר מתים איינצוזאַמלען?
דאָס וויסן ביידע ביימער דאָרט,
איך אַן פון זייער שטאַמלען:

„דער קברן פון דעם הויז אויף רויט,
אין גרוב פוילט לאַנג זיין שאַרבן;
דער צלם אויף בית עלמין פלויט,

אים וועט דער זשאַווער אַרבן;
און מיר, אַט דאָ, וואַלדם איבערבלייב,
צעצווייגן זיך פון דאַרבן".

און ווי געאַנט — דורך קוימען־הוט
איך זע ווי רויכן קרייזן.
אַ טיר פּראַלט אויף — מיט יונגן מוט
פון הויז אַ פּאָרל שפּרייזן.
נאָך זיי אַ הינטל, וואָל אויף גוף,
און קונצן נעמט ער ווייזן.

די ביימער, אָן אַ נעסט אויף זיי
פּאַר פייגל איבערשלאָפן,
אויף זיי אַ פליערישע אַרמיי
מיט שוואונג ווערט אָנגעלאָפן,
און אַ געזאַנג צום איבעבלייב
אין לופט, צעטראָגט זיך אָפן.

אָנונג ביי אַ פּאָרטרעט

דער אַלטינקער פויער צעאַקערט זיין פעלד,
און ווי ערד זעט אוים זיין פנים.
צעאַקערטע בייטן אין שורות צעשטעלט,
מיט זאָרג, די פאַרזייטע סימנים.

תבואה וועט אויפגיין וואו ערד איז געקאַרבט
מיט שפּראָצונג געקושט פון דער ראָסע.
נאָר פון זיין פנים, וואו זאָרג ליגט פאַרדאַרט —
וועט אויפגיין זיין טויט, מיט דער קאָסע.

אַנונג

דריי יונגפֿרויען נאָנעס, אין ווייס־שוואַרצער קלײדונג,
מיט האַלדז־קייטן שווערע, און בונטע צלמים,
זיי פֿאָרן אין סאָבוויי, און ווייזן סימנים
פֿון אייביקן טרויער, מיט פֿרייד, אין צעשיידונג.

אין גרויל־טול אַ יונגפֿרוי, שפּיזט איין אין די נאָנעס
געהייליקטע פֿיילן פֿון אויגן צוויי בליקן —
אויך זי וועט (אַוודאי) פֿאַרברענען די בריקן,
שטאָט טראָגן דעם גורל פֿון יונגע אַלמנות.

ביים רימען, אַן אַלטער, וואָס הענגט ווי אַ שטעקן,
און ס'וואַרפֿט אים און וויגט אים דער סאָבווייאישער וויכער —
ער זעט אין דער קלײדונג (אַוודאי) די טיכער
וואָס וועלן זיין הילצערנעם אָרון פֿאַרדעקן.

און איך, קעגן איבער, אויף קייטן, צלמים
זע הענגען, אין פּחד, מיין ייִנגלשן נאָמען.

אויף דעם טויט פון מיין ברודער

ער האָט איבערגעלאָזן די וועלט
ווי ער האָט זי געפונען,
און איז אַוועק מיטן שוואַרצן וואָגן.
און די וועלט דרייט זיך אַלץ אין קרייז פון זונען
און ווייסט ניט —
אַז ער האָט זי אויף זיינע אַקסלען געטראָגן.

פון מאַמעס טראַכט,
ביז די לעצטע שטילע יאָרן,
האָט די וועלט אים פון יונג — אַלט געמאַכט,
און פרי פון איר גרוים-געזינד אים אָנגעוואָרן.
נאַקעט, ווי אַ בלאַט פון בוים אַראָפּ.
איז ער אַוועק
מיט ווייסן קאָפּ,
וואָס האָט געברענט אין שוואַרצער נאַכט
פון זיין לעבן.

און וואָס ער האָט דער וועלט געגעבן
איז איצט דער וועלט פון אים געבליבן —
זיין געשטאַלט אויף אייניקלעך,
און דאָס ליד פון מיר געשריבן,
וואָס וועט תמיד צערן צווישן טאָוול
ווי איך — דער אָבל.

שפּיטאָלן

אין אַלע ווינקלען שטאָט, שטאַרצן הויך די קראַנקן־היימען,
און ווי תּפֿיסות טראָגן זיי אויף זיך, גאָרן אויף אַ גאָרן.
עס פֿלאַטערן איבער זיי שליחים, פֿון גאָט געשיקט, געהיימע,
אויף וואָג־שאָלן צו וועגן, געוווייטיקטע, געזיפֿצטע יאָרן.

אויף פֿליגל־פֿלי, די קראַנקן־שוועסטער, אין דער ווייסער קליידונג
זיי אײַלן אום, אָט ווי דאָס קוועקזילבער אין טערמאָמעטער,
און קילן ניט דעם שמייכל, ווען אַפֿילו ס'פֿעלט די האַנט פֿון רעטער
אויף אַ חולה, פֿאַרטיק שוין פֿאַר דער אייביקער צעשיידונג.

דאָרט יובלט אויך די נײַע פֿרייד פֿון שפּראָצונגען, געבורטן;
אויך ווען אַ מענטש פֿאַרשלאָפֿט — אויף ס'נײַ הויבט אָן צו שפּאַנען.
נאָר העכער, העכער, העכער הויבסטו אָן צו אַנען
באַקלאָג־געוויין, אויף די פֿון לעבן אָראָפּפֿאַלנדיקע פֿרוכטן...

אין לאַנגע קאָרידאָרן צופּט די שטילקייט דײַן געוויסן:
צי וואַרט דאָ ניט מײַן טאָג, ווען איך וועל מײַנע אויגן שליסן?

שפיטאָל־גערוס

דאָס גאָלד, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן אײַנגעזאַמלט
איז ניט דער גאָלד־שאַץ פון קאַמערץ;
ס׳איז גאָלד פון וואָרט אויף פאָן פון גוטס און שלעכטס
פון מײַן האַרץ געפלאַמלט.
כ׳האָב אויסגעצירט מיט דעם פיר ספּרימלעך
און מערער נאָך, געקליבענע
בלעטערלעך פאַרשריבענע.

כ׳זאָג צו זיך:
— דאָס איז דאָס גאָלד וואָס איך האָב אײַנגעזאַמלט.

כ׳קום אין מאַרק מיט מײַנע מענטשן פּען־דלער,
און אויף מײַן גומען כ׳טראָג דאָס וואָרט פון גאָלד.
אין קרײַז אַרום, ווי אַ ראָד דאָס לעבן ראָלט
מיט הענדלער, און מיט שענדלער.
ס׳קומט אַ קונה, גנאַדיק איך באַדין אים
מיט מײַן ליד בחצי חינם,
ער האָט דאָרט פרייד, ער האָט דאָרט לייד
און טרייסט, וואָס איך באַזין אים.

כ׳זאָג צו אים:
— דאָס איז דאָס גאָלד וואָס איך האָב אײַנגעזאַמלט.

כ׳זינק אין שלאָף און הער מײַן עלנט וויינען.
וואָס וויינט מײַן עלנט? וואָס קאָן עס מיינען?
כ׳זע, דער דעמער בעלמעט דורך די שויבן.
איך אַן, פון יאָרן דעם דערדריקער.
אַרום מײַן קאָפּ מיט שניי פאַרפראָרן
ווי אין וואָלקנשטיקער —
הער איך וואָרקען מײַנע לידערטויבן
פאַר אַ צוריקקער.

כ׳וואַך אויף:
— דאָס איז דאָס גאָלד וואָס איך האָב אײַנגעזאַמלט.

די אײדלקײט

אַזױנס כ׳האָב צוגעזען: אין שפּיטאָל־חדר, בײם שכן־בעט
דער שטאָלטנער זון גלעט טאַטנס האַנט, װי שפּין־געװעב
אױף בײנער.
שױן שטומט דאָס קרעכצנדיקע װאָרט אַהינטער זײנע
יאַסלעס־צײנער,
מיט שטאַרן בליק — בײם זון — פּאַפּיר און בלײ־פּעדער
ער בעט.

דער זון — אַ צװײיג געבױגן — פּאַרשט אין טריבן אומגעדולד
דעם טאַטנס ציטערדיקע שריפט, נאָר װי היעראָגליפן,
טרעף עס!
ער דערשפּירט, דער טאַטע נעמט אױף זיך די גאַנצע שולד
פון אָנצוטאָן אױף אים, זײן קינד, דעם עגמת נפש.

די אײדלקײט בײם מענטש ליגט אײנגעטײלט
אַמאָל אין טאַט, אַמאָל אין װאָרט, אַמאָל אױך אין אַ תנועה.
נאָר ס׳איז אױך דאָ אַן אײדלקײט װאָס װערט אַרױסגעשײלט
פון אַ לעצטן װאונטש, װאָס ברענגט דעם סוף מיט זיך,
װי אַ נבואה.

אַלטע מאַנוסקריפּטן

כתב-ידן! איר רופט אַרויס אין מיר געצערטע טרערן,
ווי ביי אַן אוצר אַ געפונענעם באַהאַלטן אין אַ טאָל.
אין אָנגעזיכט מיט אייך, איך הער צוריק מיין יוגנט-קול
ווי פון אַן עכאָ אָפּגעשיקט, אויפסניי דערהערט צו ווערן.

איצט טרינק איך זין פון אייך: ווען צווישן מיינע פינגער-שפּיצן
קוים-קוים עס האַלט זיך אייער גאַנצער לעבנס-ראַם,
ווי קאָרע אויף אַן אַלטן בוים, פון אַ צעפוילטן שטאַם.
איצט טרינק איך זיסן טעם פון פיין — די ערשטע לידער-בליצן.

ווי בלעטער פון אַן אַלטן ספר, פון דעם מילב-פאַרגעלטע,
טויכט איר אויף פאַר מיר אין אַ קלאָרן טרערן-קוואַל,
און זע, ווי אוממיטלבאַר עס איז דער פאַנאַנדערפאַל
פון אַלץ, וואָס גילט אויף מיינע יוגנט-טעג צעהעלטע.

האָב איך דאָך געמיינט, אַז איר זענט אייביקער, גאַנצער
פון מיר, קנעכט, אייער וואָרט-פאַרפלאַנצער.

מיין כתב־יד

מיין כתב־יד עלטערט זיך מיט דער לאַסט פון שווערע יאָרן.
די געצירקלטע רונדיקייט ווערט האַרביק, איינגעבויגן,
אותיות שלעפּן זיך מיד אויף פּאַפּיר, ווי זיי וואָלטן פאַרלאָרן
יעדן מין חשק צו ווייזן זיך פאַר מיינע זשעדנע אויגן.

כתב־יד ! ווער האָט דיך מיד געמאַכט ? — אין שלאָס פון
מיינע לידער
האָסטו געלעבט ווי אַ שׂררה, מיט אַ קרובהשאַפט צו מיין נשמה.
ברייט און פריי האָסטו געקוואַלט פון מיינע גלידער,
האָסט געזונגען אין שפּעטע שעהן פון מעת־לעתן, צו הייליקן
מיין נאָמען.

איצט קומסטו ווי אַ מענטש וואָס איז אין גרויער זאָרג
פאַרקומערט.
אָרט דיך ניט, צי וועסטו ווערן, צי מיר אַליין געפעלן,
צום ווייס פּאַפּיר — די לייכטע פּאָווע־טריט — דו שטעלסט
פאַראומערט,
ווי שווער וואָלט געווען פאַר דיר מיין רוף — אין דינסט
צום ליד זיך שטעלן.

בירושה ביסטו צו מיר געקומען פון מיין שיינעם טאַטן.
זיין גורל האָט זיך איינגעשטעלט, אַז פון אים זאָל איך דיך אַרבן.
כתב־יד, אין לאַסט פון מיינע שווערע יאָרן, אין ליכט, אין
מאַטן —
צי אומערסטו וואָס מיט מיר צוזאַמען וועסטו דאַרפן
שטאַרבן ?...

פּאָרטרעט — אַן אַלטע פרוי

זי צייכנט זיך ביים שויב
ווי אַ בילד אַריינגעראַמט.
מיט צעשטויסענע יאָרן אויף דרויב
וויגט זיך איר ווייסער קאָפּ
אין פריזור פאַרקאַמט,
און ווי די לבנה, בלאַס,
אַראָפּ
קוקט זי אויף דער דרויסן-גאַס.

וועמען זעט זי אין דעם פלינדער?
זיך — צווישן קינדער,
זיך — צווישן טעכטער,
זיך — צווישן הייטערן געלעכטער.

זיך — אין לויפנדיקן אויטאָ...

און נאָענט ביי דעם פלויט-דאָ —
די האָר אין ציר פון סטענגעס —
זי זעט „זיך"
מיט „אים" וואָס איז ניטאָ שוין.
אין רויש פון מענטשן לשון
זי הערט נאָך זיינע ווערטער.

— — — — — — — — — —

זי צייכנט זיך ביים שויב
ווי אַ בילד אַריינגעראַמט.
ווערט איר בליק פאַרקלערטער.
אַ טרער פאַרשטעלט איר ראיה.
באַלד, באַלד,
גענענט נסיעה.

יוגנט און עלטער

ווי פּוכיק שניי אויף ברוינעם זאַמד
די עלטער אויף דער יוגנט דריקט;
פון לעבנס ראַנגלעניש באַזיגט —
צו ווייטע גרייכונגען פאַרצאַמט.

אין טרוים אַמאָל, ווען זון צעלאָזט
די קריע-פלאַסטן פון דער ערד,
ווערט זי, די יוגנט, אומגעקערט
צו דעם, וואָס ליגט אין שנייאיק פראָסט.

ער ווערט דאָן יונג, אַן אָדלער פריש
וואָס רירט מיט פליגלען הימל-זוים.
זיין יוגנט: זאַמד — ווערט ווידער ברוין
און פרוכטבאַר פאַר גערעטעניש.

נאָר טרוים איז נאַרעריש, פאַרפירט,
ווען שניי פון עלטער יוגנט פרירט.

די יונגע מוטער

מיין טאָכטער, שוירלען

מאַמע-ליבשאַפט, גאָטס פאַרשפּרייטסטע האַפט,
האָט פרום פון הויך אויף איר אַראָפּגעניִדערט;
נאָך געבורט, האָט אין יונגן גוף זיך איינגעגלידערט
אַ צוזאַמענבונד, פון אַלע דורות מאַמעשאַפט.

און זע דאָס יונגע קינד, צי ביי דעם זוים פון קלייד,
צי אין דער וויג, מיט פלעגע פון די פליסיק-זעטיקייטן —
ווי ס׳בענטשט אויף דעם איר וואַכע אויג, אין שטובס-טעטיקייטן
פון מעת-לעת — אַפילו שלאָפנדיקערהייט.

צו אַלץ וואָס ס׳קינד אירס טוט, איז שאַרף געשפּיצט
אַ וואַכער אויער: — אַ בעכער פאַר דער וויין-ברכה
פון די אור-דורות, וואָס שפּרייטן איבער איר השגחה
פון דעם, וואָס אויף זיין כסא-הכבוד זיצט.

אויך דער יונגער טאַטע, אָפט אין מוט אין גוטער,
זעטיקט זיך מיט דער הייליקייט — פון קינד, און מוטער.

די ריף פון אדמען

מיין בתיהן אַ מתנה

ניט די מעבל, ניט דער דאַך איבערן קאָפּ, איז היים;
אויך ניט דער גייסטיקער באַטרעף פון גאָר דיין ביכער־שאַפע;
נייערט די ריף פון אדמען, פון וועמען גאָט האָט פרוי באַשאַפן—
זי איז היים, און אַ געריפּטע פרוכט אויף דיין געפלאַנצטן בוים.

פאַרנעם די לייִדיקייט ווען עס שווייגן אירע שטוב־פאַנטאָפל
אויף דיין דיל. אַ שטומעניש ליגט איינגעלייגט אין דיינע ווענט.
דו אַנסט, ווי באַלעבאַטישקייט באַווייזט די צערטלדיקע הענט,
און טפל ווערסטו אין דיין זיין אַליין, טאָפּלט טפל.

איר בליִענדיקע יוגנט, זי לעבט פריש אין דיין דערינערונג,
ווען ווי אַ ליבער שמייכל זי גייט נאָך אין דיינע טריט,
אַ היטערין,
און ווען משפחה גליקט, זי פאַרזיסט אַן ארבעטס־טאָג
אַ ביטערן,
זי צעטיילט אים האַלב אויף האַלב מיט געטרייסטן וואָרט
אויף צונג.

דו און זי — אויף גאָטס פאַרזייטן פעלד צוויי ביימער שטאַמען,
וואָס מיט פרוכט אויף צווייגן איז דיר דער בורא גורם.
זי איז מערער ווי אַן אוצר, מער ווי אַ חבר פון חברים —
ווייל זי איז היים, דאַך, מעבל, אַלץ צוזאַמען.

ליד, לאַנטערנע מיינע

מיט גאָט אין דער הויך

מיט אַ קלומיקל לידער
ווי אַ בעטלער גייט,
גיי איך אַ מידער
אָרעם געקליידט —

איבער גאָטס וועגן,
איבער גאָטס טעג —
און טראָג מיין פאַרמעגן
אַן אָרעם געפעק:

אַ ליד פאַר אַ קישן;
אַ ליד פאַר אַ ברויט;
אַ ליד צו פאַרזיסן
אַ מענטש אין זיין נויט.

ווייל אַלץ איז גאָטס גאָב —
געבעטלט פון אים.
מיין אָרעמער האָב
איז נעסט, פון זיין שטים...

נאָר מענטש פון אַרום —
ניט עס זעט, ניט עס ווייסט,
אַז ליד וואָס איז פרום
ברענגט אים אַ טרייסט.

ווען האַרץ איז פון שטיין —
ליד מאַכט עס ווייך,
און מען זעט זיך אַליין
מיט גאָט אין דער הויך...

פאַר מענטש-דערקענטעניש

גאָט, איך בין מער ווי איך בין אין מיין אייגענער געוועלטעניש,
און ווייניקער ווי איך בין נאָענט צו דיין גבול!
ווייל נידעריקער פון גראָז און אָרעמער פון אַ נול
בין איך פאַר דיר, מיין האַר, אין דיין באַהעלטעניש.

לאָז מיך זיין אַליין אין דעם חסד פון געפּענטעניש,
זיין אַליין, מיט שאַרפן מאַרך אין אייגענעם געביין,
כדי ווי אַ ריזלדיקער שטראָם צו קענען גיין
דער נייער וועלט אַנטקעגן, צו מענטש-דערקענטעניש.

איצט, אין אונדזער לעבן, הוליען בייזע ווינטן און גרייטן
האָגל אויף צו טויטן שפּראָצונג פון געזאַנג.
גאָט, לאָז מיך זיין אַליין, ווי אַ פויגל אין געפאַנג,
כדי שפּעטער צו קענען מיט די פליגלען זיך צעשפּרייטן,

און אָנצוזאָגן, ווי אַ רעגנבויגן, דער נייער וועלט אַנטקעגן,
אַז געזאַנג גייט אויף, ווי זאַנגען נאָך אַ רעגן.

ס׳האָט מענטש אַ ליד באַדאַרפט

ס׳האָט מענטש אַ ליד באַדאַרפט, אַ צירונג
פאַר זיין חושכדיק געמיט —
האָט דער פּאָעט, אויף אָטעם פון שפּירונג,
אָנגעטאָן די גלידער פון אַ ליד.

ווען ליד איז ליד געוואָרן, מיט גלידער אַלע
פון טיפן גייסט, געזוניקט ווי אַ שטראַל —
האָט דער פּאָעט געאַנט, ער ווערט נתגלה
צו גיין אין פוס-טראָט פון מהר״ל.

פאַרחידושט פון זיין שאַפונגס-וואונדער
האָט ער געזאָגט צום ליד: איצט קום
און ברענג אין גאָרער וועלט, אין רונדער,
געזאַנג פון טרייסט, די נויט צו מאַכן שטום.

און ווען פון ליד איז וואָרט געקומען,
מיט אַ געלויטערט ניגון פון זיין קעהל —
האָט עס פּאָעט ביים האַנט גענומען,
צו זינגען אויף די הויפן פון דער וועלט.

איז וואו אַ שוועל — מענטש פון זיין באַהעלטער
האָט זיך געיומטובט אין אַ זינגעוודיק געשען,
און קינד און קייט, אין אַלע טונקעלע געצעלטער,
האָבן קיינמאָל נאָך אַזאַ מין ליכטיקייט געזען.

אין דינקייט פון אַ פּליט

ליד, לאַנטערנע מיינע, מיט דער האַנט פון גאָט געמאַכט —
מיט דיר בײנאַנד אין וועלט דורך פינצטערניש צו גיין,
און זיין דער שאָטן פון דיין ליכט-שטראַל, ווען פון „אים" אַליין
מען האָט דיר נאָנט צו מיין נשמה צוגעבראַכט.

פון אַ פאַרכישופטע וויגל האָט ער דיך צו מיר אַרויסגעוויגט
„אַ ציגעלע אַ ווייסע" — פינקטלעך ווי דאָס לידל גייט —
און דיר אָנגעהאַנגען אָן מיין האַרץ, כדי אין דינקייט פון
אַ פּליט
צו זינגען פאַרן מענטש דעם ניגון, וואָס זיין האַרץ דערקוויקט.

דו האָסט דעם גורל אָנגענומען צו באַשטראַלן טעג און נעכט
פון מענטשנס לעבן, אָנגעקליידט מיט פולער פרייד און וויי,
ווען אויף מיר — דיין שאָטן, אין אַ וועלט וואו איך לעב
מיט זיי —
האָט ער מיך אָנגעטאָן די מי, צו זיין — אַ זינגענדיקער קנעכט.

דאָס איז דער שכר. און אָט דעם גורל טראָג איך ווי אַ פאָן.
ווייל נאָר ער האָט דיך פון וויג מיינעם אַרויסגעשטראַלט
אויף צו טראָגן פונעם חדר אין מיין לעבן, ביזקל ווערן אַלט,
און זיין פון „אים" דער אָפּשיין, אין וועלט מיט רשעות
אָנגעטאָן.

אויף אַ דאָרנוועג פון גאָר אַ וויטן שטח אויסגעשפּרייט,
וואו צעריסן מיינע פוס-טריט ליגן מיט געזאַנג פון בלוט —
זאָג איך: ס'איז גוט, ס'איז גוט, אַלץ וואָס דו טוסט איז גוט,
לויכט ווייטער דו לאַנטערנע מיינע, פון גאָטס פייער צוגעגרייט.

גאָלדן גליק

ווען שוין צום אויפזען קומט-אָן דער פּאַרזעענער,
טרעפט עס אָפט אין שפּעטע יאָרן פונעם לעבן,
ווען עס רייסן זיך די איידעלע געוועבן
פון דער מעשה-נורא, אַ פּיין-געשעענע.

דער באַטרעפענער, מיט טראָט געוויכטיקן,
ער גייט שטיל צו זיין גליק. איצט אים אָנגעבאָטן
צו זיין דער „גייער", וואו נאָך קיינמאָל ניט געטראָטן,
צו גרייכן גליק,ביים שיין פון הימל ליכטיקן.

אין וואונדערלעכן טרוים, צום וואָר געקומענער,
דערהערט ער — אין קרייז פון רעגנבויגן —
שטיל געזאַנג, און אויף אַ שאָל אַראָפּגעצויגן
לייכט-אויף פאַר אים זיין אוצר, אַ געפונענער.

דער באַטרעפענער, בויגט דעם גרויען קאָפּ, ווי אַש,
און קושט געגאַרטן גאָלדגליק פון זיין מיראַזש.

מיין ליד פאַרן שאַטן

אין אַ מויער הויז, — צווישן צענדליקער שכנים, —
בין איך אַ ליכטיקער יום-טוב, אין אַ טונקעלער וואָך.
מיין גרינגער טראָט אין דער שטיל, מיט זיי אינאיינעם,
שאַרט זיך ווי אַ דיסאָנאַנס, דורך טומעלדיקן קאָך.

איך צינד פאַר זיי אַ ליד, — אַ ליכט אין מיין פענצטער,
גאָלדיקט דער שיין, און יומטובט דעם יידישן תוך.
נאָר פאַרן ליכט אין מיין פענצטער, טאַנצן געשפּענסטער,
הוליען, פון מאָנטיק ביז שבת, מיט ביטול-שטאָך.

פון אויבן אויף אַ חניפה, דער „האַלאָ" אויף צו לאָקן.
אַ שפּרונג וועגן וועטער, אויך אַ שפּרונג וועגן יאָך.
אין פאַרשלאָסענע דירות — פון אַלע זעקס שטאָקן —
פון מיין ליד, און מיין יום-טוב, מען חוזקט דערנאָך.

אויף טיש, און אויף בענק, זיצט צעשפּרייט עבודה זרה,
און גווידערט די בייכער פון שכנים (ווי אויף דעם בראָך!).
וויינט מיין יצר טוב, פאַר זייער האַר: יצר הרע —
מיין ליד פאַרן שאַטן, וואָס וויל יומטובן וואָך.

דעם דיכטערס וועלט

פאַראַלעל דער גרויסער טיף־שאָטנדיקער וועלט,
קרייזט ער זיך אַרום אויף אַקס, אַן עולם קטן
אין דעם בליאַסק פון דער זון, קעגן נאַכט און שאָטן,
מיט פלאַנצן, בערג און טאָלן, מיט וואַלד און פעלד.

די האַנט וואָס פירט די גרויסע וועלט, פירט אויך זיין וועלט;
פאַרזייט די תבואה פאַרן שניט, און בענטשט דעם רעגן.
ס׳קומט מיט שפע אָן, גערעטעניש אַנטקעגן —
צו יעדן איינוואוינערס באַשטערנטן געצעלט.

דאָרט זינגט תמיד די גליקזעליקייט פון גאָט.
אין זיין הייליקייט, ניטאָ דאָרט קיין רשעים,
די העצער פון דער שנאה, ביי די שונאים־גויים —
ניטאָ דער פחד, וואָס דער גרויסער וועלט באַדראָט.

ווער זיינען „זיי״ אויף דעם געבענטשטן נידער? —
די חלומות זיינע, די צדיקים־לידער.

יידיש וואָרט

יידיש וואָרט אין מיין שטוב האָט די בירגערלעכע רעכט —
ווי אַמאָל אין טאַטנס שטוב, מיט די אַלטע מאָדעס.
ער איז דאָ אין אַלע טעג, ביז אין די שפּעטע נעכט,
אין מיינע אַלע פיר ווינקלען — זיין מקום קדוש.

ער לעבט אויף מיין צונג, און אויף דער צונג פון מיין פרוי,
זינגט דעם ערשטן געבוירן-טאָג אין וועלט פון גאָט באַשאַפן.
אויך אין דער גאָרער ריינקייט פון מיין ליד, וואָס איז טוי
אויף מיין האַרץ, און אין דער פולקייט פון מיין ביכער-שאַפע.

און ווי כיבוד-אָב דעם טאַטן, דער מאַמען כיבוד-אם —
מיינע קינדער, שטוביקע, בכבודיק עם אירצן.
די וואָרצלען זיינען טיף אין מיין שטוב,—ער בליט ווי אַ שטאַם
מיט די פרוכטן, פאַר אַלע באַטעמטע געווירצן.

געָנים איך די פרוכטן, און ווער געריפט אין מיין זין,
אין שעה, ווען ווי אין דבקות צום חלום איך פלי-אום...
יידיש וואָרט אויף מיין צונג — דער זיסער האָניק פון בין —
איז די זאַפט פאַר די ביינער, פאַר דעם יידישן קיום.

פאָלקלאָר

אין וואַלד פון פאָלקס פאַנטאַזיע וואַקסן אויסטערלישע מעשׂות
פון שדים, פּיפּערנאָטערס, און גאָר שכלדיקע חיות.
זיי הענגען בוימערדיק פאַרצווייגט, דער מענטשלעכער אחריות
אויפצוהאַלטן. דו הויב די האַנט נאָר אויף, און רייס עס.

דערנאָך באַשיץ זיי אין זיכרון־גרונט, געהיימען.
און ווען דיין קינדס אַ קינד — אין הייסער ליבשאַפט
דורכגעדרונגען
מיט ציטער־פיבער, רינג אין קייט באַצוואונגען,
וועט דאַרפן קיום־שוץ ביי אַן אָוונטדיקער אימה —

שייל־אַרויס אים דאַן פון מעשׂה־פרוכט דעם קערן,
און לאָז זיין זין צעקייען מוסר־השכלדיקן פּליטער —
ווי קעגן ליכט־אַפּשיין פון גלאָז אַ שפּליטער,
וועט דאַן אין בליק אים צינדן אַ דימענדיקער שטערן.

ער וועט עס איינפּאַסן אין גאָלדרינג פון זיין לעבן,
און שפּעטער, צו זיינס אַ קינד דאָס אַ מתנה געבן.

געבענטשטע גראַמען

אין פאָלקס זינגער שלאָגט אמתדיק דער פולס פון לויפנדיקן
לעבן.
די גייענדיקע צייט ליגט אויף זיין האַרץ און טיקעט ווי
אַ זייגער.
און היימיש יאָגט אים אָן די מוזע, ווען ביי זיין האַרץ דערנעבן,
אין אומגליק וויינט דאָס פאָלק אויף איכהדיקן שטייגער.

ביי אַזאַ מין פאַל, נעמט גלייך זיין מוח מיט נבואה ליכטיק ווערן,
און ווי אַ קינד די ערשטע רייד, ער נעמט די ווערטער ווילן.
און פּאַזע וואָרט קומט אָן פון האַרץ אַ ניגון, וואָס צופּט פון אויג
די טרערן;
ער שיקט זיין ליד צום פאָלק, דעם בראָך מיט אַ געזאַנג צו היילן.

ער דאַרף ניט די דיסטאַנץ, ווי אין דער זאַלבונג באַרופענע
פּאָעטן.
די הייסע שעה פאַר אים איז ניט קיין פלויט מיט אָנגעשאַרפטע
דראָטן.
דאָך מיידן אים די מילדע ווינטעלעך פון לויב, וואָס יעדן
שעפער גלעטן, —
נייערט אים לויפן נאָך ווי פיילן אָפט אַרונטעררייסערישע
שפּאָטן.

מיין לויב צום פאָלקס-זינגער! אין מענטשנס גרעסטן צי אין
מינדסטן הונגער
האָט ער גענערט דאָס פאָלק מיט זיין געזאַנג, פון ברויט
די טעמען.
טויכט-אויף פון פאָלקס-זכרון-גרונט זיין ליד, ווערט מען
באַצוואונגען,
די אויג ווערט פול מיט קרעלן-טרערן, פון די געבענטשטע
גראַמען.

מיין היים

מיין היים איז אַ קליין אינדזעלע אויף אַ ווייטער גאַסן־ים,
אַרום דאָרט רוישן אַלטעביימער, און יונגע פלאַנצן גרינען,
און פייגל צוויטשערן אין דעם זוניקן באַגינען.
שטייט מיין היים אַרומגעצאַמט מיט אַ גראָזיקער ראַם.

דאָרט נעסטיקט זיך די ליבשאַפט פון עלטערן צום קינדער־מין.
פון קינדער־מין צו עלטערן, טיף געוואָרצלט בירושה.
גאָט האָט אויסגעמידן פון מיין היים שלעק פון בושה,
איך טו תפילה פאַר דער בענטשונג, און טובל זיך דערין.

דורך די פענצטער פירט דער טאָג מיט זון זייער ראַנדעוואו,
און גייען — דורך די שויבן — דער נאַכט מיט גאָלד באַגריסן.
און דורך די זיבן הימלדיקע שלייערן — אַדורכגעריסן
אין קרייז פון שטערן — די לבנה שיקט מיין היים איר
זילבערדיקע רו.

און פאַר וועמען וועלט איז צוואַנג, און קוואַרט אין זיין געצעלט,
פון מיין היים ווערט געשיקט אַ היילונג צו יענעמס עלנט.
דאָרט פלאַנץ איך — אין גאָטס גנאָד — פאַר מענטשנס קוועלנד
זעט, פון ליד־פאַרזיי, לעבנס צו דערפרייען אין אונדזער וועלט.

זינגענדיקער עקשן

ס'איז אויף מיר געפאַלן גאָטס געבענטשטער רעגן,
האָב איך פון מיין געדעכעניש גענומען וואַקסן
אין אַ שטיל געזאַנג — אַ זינגענדיקער עקשן —
האַרט צום טויבן גלייכגילט, פון דעם מענטש אַנטקעגן.

ס'האָט פון מיר געוווּיכט די מורא פאַר געקלעטער
אויף באַרג פון גאָלד, אין כישופדיקער טאָיגע.
ווי אַ בוים, מיט רייפע פרוכטן אויף די צווייגן,
האָב איך גענומען רוישן מיט די לידער-בלעטער.

איצט, אין האַרבסט, זינגען מיט אַן אומעטיק געציטער
מיינע לידער, ווי געלע בלעטער וואָס וויינען
פאַלנדיק אויף ערד, מיט שטויב זיך צו פאַראייניגן.
און איך אין ווינט, שטיי נאַקעט. זע, גאָט מיין היטער!

באַהילף מיר אויסצושפּרייטן פאַר דעם מענטש מיין ניגון,
כדי אין אַנגעזיכט פון דיר, דיין קוש צו קריגן.

דער קינסטלער

(אַלעגאָריש)

דעם אָפּגעזועגטן גליד פון בוים, ער איז מחיה
מת נאָך זיין גאַלגאָטע. טוט אים אָן אין אַ לבוש
פון שיינקייט, ווייל אויך אויף דעם געפאַלן איז דער קוש
— צום וואַלד אַראָפּגעשיקט — מן השמים.

ער ציטערט איבער דעם מיט שעפערישער גאַפונג,
און נעמט עס מיט כלי־זין רונדיקן און טאָקן.
ווייל ניט צום אָפּפאַל, צו דעם ניוועץ איז דער מקום,
ווען אַראָפּגעזועגט, — גיט אים זין, זיין איבערשאַפונג.

ווייל אויך אין אָפּגעטיילטן גליד פון שטאַם ליגט שיינקייט,
וואָס וועלקט כסדר פון דור צו דור אין אונדזער לעבן.
און בוים, איז רוי־שטאָף פון גאָט צום האַנט געגעבן —
וואָס בעט דערלייזונג אין געפאַלענער אַליינקייט.

אין איבערשאַפונג, ער דערהויבט עס פון דער נידער
צו לעבן אין זיין קונסט, מיט נייע פולע גלידער.

אין רויש־יאַריד

גייט אין גאַס אַ דיכטער אַליין —
איז ער ניט אַליין אין רויש־יאַריד,
נאָר ווי אַ קינד, אי יונג, אי קליין,
עס גייט מיט אים פון האַרץ אַ ליד.

ליד שעפּטשעט רייד, דאָס שטילע קול
צינדט־אָן אין אויג אים פייער־פרייד —
ווי פון אַ חכמה ס׳טרעפט אַמאָל
פון קינד, צום טאַטנס האַרץ דערגייט.

עס טרעפט: אין שטראָם ווען מענגע ציט,
עס שטויסט אים ווער פון וועג אַראָפּ.
ער טוליעט זיך צום קינד — זיין ליד,
און לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט זיין קאָפּ.

און ביי אַזאַ צוזאַמענשטויס,
ווען פרעך אַ מענטש שטעכט ווי אַ בין —
רופט עס אַ הייסע טרער אַרויס
ביים קינד, זיין ליד, פון לעבנס־זין.

איז וואו ער האָט געצילט די טריט,
זיי טרעטן שוין אַן אַנדער וועג,
און פון לידס טרער, ווערט אויסגעבריט
אַ נייע ליד — צום ליד־פאַרמעג.

פאָעט און לץ

הערמאַן גאָלדן ע״ה

ער איז געווען פּאָעט, און לץ,
אַ לעסטערער פון זיטן און געזעץ.

אין וואָרט-געוועב פון אונדזער גאָלדענער פּאָעזיע
האָט ער מוסטערהאַפטיק,
זאַפטיק,
אין לידער, גראַמען געפּאָרט,
צום ערנסט און לאַך.
און פאַר קינדער
אויסגעקלערט מעשהלעך —
פון פייגל מיט בערד,
און קאַטשקעס מיט פעכער,
און פון קי,
וואָס פליען אַריבער די דעכער.

אַליין אין פּראָסטן הילוך
אָנגעטאָן,
איז ער געווען אַ מלך
אָן אַ טראָן,
און אַ מענטש — אַ מויער,
מיט האָר, ווי שפּיזלען, און אַ דראָטן-באָרד.
נאָר ווי אליהו הנביא, פאַרשטעלט אַלס פּויער,
האָט ער געטראָגן דעם גרויסן וועלט-צער אין זיך,
און איז אַוועק פון אונדז — אַ פאַרשעמטער „איך״ —
מיט אַ זאַק פּאַפּיר, און זיין כתב אויף דעם,
צו רוען געבענטשט, אונטער גאָטס ליכטיקער ברעם.

יצחק ליבמאַן

ביסט געקומען יונג צו אונדזער ליטעראַטור, יידישער,
ניט ווי ס׳קומט אַ יונגערמאַן צום שווער אויף קעסט —
צו עסן די ברעקלעך פון דעם טיש, נגידישן,
כדי אויפצושטעלן אין אונדזער בנין אַ קליינעם נעסט, —

נאָר אויף אייגענער אחריות, מיט באַזונדערער עקשנות,
ביסטו געקומען און איינגעשפּאַנט דיין זין אין פּען —
מיט פולער גרייטקייט דעם מענטש צו ברענגען וואָרט-מתנות,
דאָס לויטערע ליכט, וואָס שאַפונג גיט דער וועלט צו זען.

ביסטו געוואָרן שאַפער, בויער, און פאַרשפרייטער
פון בוך און זשורנאַל, וואו דיין גייסט לייכט איצט העל.
פאַרן שטאָלץ פון יידיש, געשטאַנען אויף דער וואַך אַ גרייטער,
ביז וואָרט האָסטו אין אונדזער היים, ווי זון אַריינגעשטעלט.

און איצטער — אין דעם מיטל-וועג צו די יאָרן ווייסע —
איז אָנגעשטאָלט דיין מוט צו קאַמף מיט טאַט-געוויכט;
און מענטשן ערן דיך אין דיין מי-געשפּאַנטער מעשה —
ביסט פון גאָט געבענטשט, טרעגער פון וואָרט און פליכט.

אברהם רייזען אין ניו-יאָרק

ער גייט אויף צווייטער עוועניו, און איסט-בראָדוויי,
און פון די בראָנקס — אַ פּאָר געווײלטע גאַסן —
וואו קיינער וואונדערט זיך ניט, וואָס מען רעדט אין זיי
נאָך יידיש, — און אויף יידיש — קינדער שפּאַסן.

ער גייט אויף זיי, ווי דורך מינסק, וואַרשע, קוידענאָוו,
און זוכט מיט גיריק בליק דעם מיט-מענטש: אדרבה —
דאָס פאָלק, וואָס גייט איצט אוים נאָך טרייסט, זעט אין שלאָף,
ווי ס׳ליגט ביי גרויער וואָך, פאַרמשכונט, העלער שבת...

און אין אַ האַנדלס-גאַס — אין דער נאַענטקייט פון מענטש —
ער ווערט דערפרייט, ווי מיט אייגענע פון זיין משפחה;
און וואו אַ ספרים-קראָם, — זיין נאָמען איז געבענטשט —
אונדזער יידיש אָטעמט, ווי אונטער זיין השגחה.

און אין אַ שול אַ וועלטלעכער (אָפט ביז טיף אין שפּעטע נאַכט)
ביי אַ יום-טוב אים זעענדיק, מיט די האָר די ווייסע —
געשטאַלטיק שלאַנק — אין רייד — קלוג, באַטראַכט —
בילדעט זיך פאַר יעדנס אויג — דער חכם פון אונדזער
לעבנס-מעשה.

אַ קינדעלע פאַרנעמט אויף קעפּל זיין פאָטערלעכן גלעט.
דאָס קינדעלע געאַכט, זאָגט צו אים אין שטילן פרעפל:
„היינט שלאָפט מען שוין ניט זאַלבע אַכט צוזאַמען אין
איין בעט".
און שעמעוודיק צום שוים פאַלט צוריק אַראָפּ דאָס קעפּל.

ער גליקט אין טרער, און זעט, ווי צייט ענדערט ווי
צום גליק — זיין ברכה פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן.
— — — — — — — — — — — — — — —
ער איז צווייטע עוועניו, און איסט-בראָדוויי,
און פון די בראָנקס אַ פּאָר געווײלטע גאַסן.

מיט אונדזער לשון יידיש

ב. י. קליינען

צו די אַלע פריידן, וואָס האָבן מיך אין לעבן אָנגעטראָפן,
צייל איך אויך, מיין חבר, דאָס גרויסע פרייד, צו קענען דיך
ווי אַ ברודער, וואָס דיין פריינטשאַפט גיט נאָרונג מיר
די אַלע יאָרן, וועלכע זיינען שוין צו רייפער עלטער אָנגעלאָפן.

און אויב די צייט האָט ווען מיין ליכט געדעקט אין פליאַמעס,
בין איך איר מוחל, און טו איר גרויזאַמקייט פאַרצייען —
ווייל שוין ביז איצט בין איך באַצאָלט געוואָרן כפל כפלים
מיט דעם גליק, צו האָבן דיך אין מיינע דלד אמות.

ביסט שיינער גייסט, און ס׳איז דיין גוטע האַרץ נגידיש,
און לויטער קלאַנג איז דיין געהער. זאָל לאַנג, זאָל לאַנג
צינדן זיך אָן דיר דאָס פלאַקערל פון מיין פשוט ליד-געזאַנג.
און ביידע, לאַנג נאָך לעבן אין דעם זיסן פיין מיט אונדזער
לשון יידיש.

דיכטער און פאָלק

ווי אַ דינער זילבער-שטראָם אין אַ פליסנדיקן טייך
ער נידערט פון זיין הויך, אַריינצוקוועלן אין אייך
זיין פרום געזאַנג — די היילונג פאַר צער און פּיין,
מיט די הויקערס פון אייער לעבן נאָענט זיין.
און כדי ווי שוואָם אַריינצוזאַפּן אייער פרייד און וויי —
ווערט ער ענלעך צו אייך, ווי וואַסער-טראָפּנס צוויי.
אין פרייער שעה געגענט ער צו דער שטילער רו
זיין ליד פאַר אייך צו זינגען, און ווען די נאַכט פאַלט-צו
צו אייער שוועל, מיט זעט און רו פאַר הויז-געזינד —
הערט איר אַ געזאַנג, וואָס ווייִנט ווי אַ ווינט
איבער ווילדע דאָרן-קרענץ אויף פעלד,
און איר ווייסט ניט, אַז דאָס געזאַנג איז צו אייער וועלט,
וואָס ליגט פאַרדעקט מיט דיקע שיכטן שטויב.
פאַלט זיין ליד, ווי אַ פויגל ביי אַ פאַרשנייטער שויב.

אויף אַ רגע

אויף אַ רגע האָב איך געמיינט: מיין ליד איז שוין מער ניטאָ.
בין אָפּגעקילט — אַ מעטעאָר, וואָס גליווערט ווי אַ שטיין.
און אַליין ליג איך אין דער לאַנגער נאַכט, אַליין —
מיט דער פּוסטער גרייטקייט, פאַר דער ווערעמדיקער שעה.

דאָס אַלץ גאָר אויף אַ רגע. ווי אַ שוואַרצע נאַכט די לענג.
איך וועק זיך. און ווי אויף אַ טייך, מיט זון אין שפּילטער,
קומען צום זכרון ווערטער אוצרות, גאָלד פון גיטער,
אַז עס ווערט פאַר זיי מיין ברייטער האַרץ-קאַמער צו ענג.

באַרוישט פון גליק, ווייס איך ניט וואָס אויפצונעמען פריער —
אַ ליד פון האָפענונג, צי גאָר אַ ליד פון טרויער.
ביידע קומען איצטער אין מיין נאַכט, אַוואו איך לויער
איבער זיי, ווי ביי אַ טייך אַ פישער, מיט אַ וואודע-ציער.

כ'שרייב דאָס האָפענונגס-ליד. כ'זאָג „אין אַ מזלדיקער שעה";
ווייל אויף אַ רגע האָב איך געמיינט — מיין ליד איז שוין
מער ניטאָ.

פאַרשטעלטער „איד"

„דו ווערסט אַלט, דו ווערסט אַלט". — נו, אַוודאי!
יעדע זאַך אויף דער ערד ווערט אויך אַלט.
זיצסטו שפּעט, און דו שרייבסט דיין באַלאַדע
מיט דעם טראָפּן טינט, איידער ס'ווערט קאַלט.

דו זעסט, ווי פון פינטעלעך אותיות
וואַקסט אַרויס אַ געשטאַלט אויף פּאַפּיר,
וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס גרויסעס,
גאָר אַ האָר ניט געראָטן אין דיר.

איז ווער שפּילט עס מיט דיר איצט קאַטאָוועס? —
זעסט, דיין פּען איז גערייצט, און זי שטרייכט,
נאָר וואָס מערער זי שטרייכט, ווערט דער „טעות"
אין די נעצן פון ליכט גאָר באַלייכט.

פרעגסט: „איז ווער ביסטו העלד דו פאַרשטעלטער,
מיט פּאָזע לויט מענטש ערשטער ראַנג"? — — —
„דו אַליין, איצט געקרוינט אין דיין עלטער!
ווייל אין טרער איז געקליידט דיין געזאַנג".

ערשטער וואָרט

וואָרט איז אָפט אַן אָקס מיט הערנער,
וואָס בריקעט זיך מיט שפּריטנע פּיס,
און מאַכט צו שטויב די מוח־קערנער
ביים ספר־מענטש, וואָס זיצט ביים טיש.

נאָר צאַמסטו עס, ווערט עס אַ העזל
וואָס שפּאַרט דעם קאָפּ אָן, אָן דיין קני,
און לעקט דעם טוי פון יונגן גרעזל,
וואָס שפּראָצט אַרוים פון דיר, צום בלי.

דו דאַרפסט זיין עלנטקייט באַקליידן,
שטעלסט צו צו אים אַ צווייטן וואָרט,
דאַן הערסטו ווי צוויי ווערטער ריידן
צו ווערן מער, און זיין געפּאָרט.

צי פּאַר אַ מעשה, צי פּאַר אַ ליד,
צאַם פון ערשטן וואָרט די טריט.

פון דער מחשבה

אין ליד, וואָס קומט מיט חבלי לידה,
איז דאָ אַ מיין, אַ קוים דערהערטער.
היט אָפּ אָט די געזעצן ביידע
ווען דו דערשפּירסט די ערשטע ווערטער —

צו זאָגן קנאַפּ, און מיינען מערער,
אין פּשוטקייט, צו זיין פאַרשטעלטער.
דערגרייכסטו דאָס, אין מי אין שווערער,
ווערט דיין געזאַנג אַ ליכט צעהעלטער.

פאַלט שווער די מי, פּרוביר עס נאָכמער
מיט דעם פליים פאַר דער דערגאַנצונג,
ווייל וויניק רייד מיינט וואָרצלען חכמה
אין דעם גאָרטן פון דיין פלאַנצונג.

און זינגען פּשוטער, מיינט צאָלן
חוב צום מענטש אין ליד פאַרחידושט.
וויים! דער בעל שם טוב, אין די אַמאָלן,
האָט אויך צו גאָט גערעדט פּראָסט יידיש.

דער דיכטער

ער שטייט אין לעבנס הינטערגרונט,
אין ליד זיינם אויבנאָן,
און טראָגט אויף זיך פון וועלט די וואונד,
וואָס בלוטיקט אויף זיין פאָן.

דאָס לעבן רעשט, אַ מיצל קרום
טראָגט עס אויפן קאָפּ,
אין הינטערגרונט דער דיכטער פרום
ער זינגט זיין תפילה אָפּ.

און ווער עס הערט, און ווער עס זעט
דעם מאָדנעם פּאַראַלעל,
נעמט־אויף די תפילה פון פּאָעט
פון זיין געבענטשטער שוועל.

דער דיכטער שטוינט, און פאַר זיין דאַנק
ער טיילט דעם מענטש מיט טרער
אַ נייע ליד, פון גאָט געשאַנק,
ווי טרייסט צו היילן מער

די וועלט, וואו ער אין הינטערגרונט,
דאָרט שטייט פון אייביק אָן,
און טראָגט אויף זיך פון וועלט די וואונד
וואָס בלוטיקט אויף זיין פאָן.

דיכטערישע קנעכטשאַפט

די מוזעס וואַקסן גלייך געזייט אין גאָטס גן-עדן,
און ווען ער ווילט אױס, דעם שיקט ער צו פון הימל
אַ צירלעכע, פון אים געקושטע מוזע-בלימל,
כדי דעם קיום אונדזערן מיט זין באַקליידן.

האַלט איינער זי מיט טריישאַפט, ווי אַ בלום אין ביכל;
אַ צווייטער טראָגט זי אין זיין לאַץ מיט שטאָלצער העזה;
אַ דריטער, ווען די לאַסטן זיינע ווערן נאָכגעלאָזן,
ער לייגט די בלום צוקאָפּנס, אונטער קישן-ציכל.

אויף אַלע דריי גאָטס וואַכע אויגן געהיים גיט אַכטונג.
ער טיילט זיי די כיבודים. אויך ער צילט אָן די וועגן,
וואו יעדער מיט זיין ניגון-ליד דעם פאָלק זאָל רעגן
צו גאָרער שיינקייט, אין דער דעמערדיקער טראַכטונג.

ווען אַלע זינגען מיר, געהייליקטע אין ציטער,
האָט גאָט מיר צוגעטיילט צו זיין דער דריטער.

קילע צאַמונג

ווייזט אויס, ס׳איז אָונט דיך באַפאַלן,
שרייבסטו קילע, לויטערע סאָנעטן,
וואָס אין זייער תוכן זיינען זיי בוקעטן
זונען, פון דיין האַרץ צו שטראַלן.

דו יעטסט דיין לעצט געפלאַנצטן גאָרטן
מיט פלייס, פון וואָרט־געבענטשטן רעגן,
מיט גנאָד געשיקט פון בוראס הימל־וועגן,
זיי זאָלן בליען שורהדיק, געפּאָרטע.

ווי זריעה אין גאָטס ערד געהאַלטן,
זיי שטאַלטיקן פון שפע־בייטן,
און דו זוכסט זייער שיינקייט שפּרייטן
דורך וואָגשאָל, אין דיין האַנט געהאַלטן.

ווען אָונט פאַלט אויף שעפערישע פּאָעטן,
דאַן קומט די קילע צאַמונג פון סאָנעטן.

מיין גורל

מיין גורל שפינדלט ווי אַ גאָר־שטיק
אויף באַרג, גאָטס ערד, און אָט באַלד פאַלט ער.
נאָר איך, צום ליד־קוואַל, גומען דאָרשטיק,
קום יונג נאָך אַלץ, און אַ צעשטראַלטער.

איך שעפּ די שפּרודלדיקע פולקייט
ווערטער טראָפּנס, לידער — קוואַליק,
אין אַ וועלט פאַרסמט און גאַליק —
אַזאַ פאַרחידושטע געדולדקייט.

פון וואַנען אַזאַ אויסדויער, פון וואַנען?
אַ זעאונג קומט אין דעמער מיר פון חושך
מיט אַ זיכערקייט אַזאַ. און דאָס ווייס איך,
אַז זריעה שפּראָצט־אויף ווידער נאָך איר וויאַנען.

און אַז ליד קומט אָפּשטעלן, אַנטמענטשט זיין,
אין אַ ווילדן בבלשן האַרמידער;
און אַז אין קערן פון די פרומע לידער
ליגט די ברכה פון געבענטשט זיין;

מיין גורל שפּינדלט ווי אַ גאָר־שטיק
אויף באַרג, גאָטס ערד, און אָט באַלד פאַלט ער.
נאָר איך, צום ליד־קוואַל, גומען דאָרשטיק,
קום יונג נאָך אַלץ, און אַ צעשטראַלטער.

שפע פון מיין בייט

אַזויפיל לידער! איך שטיי אַ פרייד באַנומענער
און גלויב, אין גליק, די וואָרע אויגן ניט.
ווי קומט צו מיר, אַ מענטש אין מי פאַרנומענער,
אַזויפיל תבואה פאַרן שניט?

פון וועמען אַט די אַנרעגונג, און פון וואו די קראַפט?
פון וועלכן דאָרן אַט דער טליענדיקער פונק?
אַפילו ווען דאָס אַלץ איז נאָר איין ליד אין מייסטערשאַפט,
און די איבעריקע — אַן איבערחזרונג.

אויך בוים אין בלי טראָגט פול אויף זיך נאָר דאָס איינע פרוכט
אין יעטווידן סעזאָן. אַזוי אויף פלאַנץ די זעלבע קוויט.
דאָס האָב איך יונגערהייט דעם זיסן טעם פון וואָרט פאַרזוכט,
דערפאַר — די שפע פון מיין בייט.

מײַן טאָג

מײַן טאָג, פֿון ליכט פֿאַרבאָרגן,
לאָזט זיך אַראָפּ צו דער נאַכט,
ווי אַן עמער אין אַ ברונעם
אָנצושעפּן מיזאמע רו פֿאַרן מאָרגן.
און אַזוי אַן אַ תּרופֿה.
איך בין שוין כמעט דערגאַנגען
צו דער שטופּע
פֿון אַן איבערבראָך.
גאָט מײַנער,
ווי קען עס אַ מענטש אויסהאַלטן פֿון אַזויפֿיל וואָך?
מײַן שבת, אָנגעפּלאָגט,
הענגט אויף אַ שטרוי,
און וויפֿיל כּוח האָט אַ שטרוי, מישטיינס געזאָגט?
בעט איך גאָט, אין חצות,
אַז זײַן פֿײַערדיק פֿאַרדראָס
אויף מיר
זאָל אים ניט אָנצינדן,
אָ, שטיקעלע שבת! אָרעמער ציר!
מײַן ליד וואָס דאַוונט אין דיר
בעט:
באַשיץ מיך פֿון דער חיה וואָך,
וואָס איז ווי רויב, הונגעריק,
און וויל נאָך...

איך שפּאַלט מיין טאָג אויף צווייען

איך שפּאַלט מיין טאָג אויף צווייען,
אין גראָען אינדערפרי.
ווען אַלע שעפער גייען —
איין העלפט גייט אויך אין מי

וואו מידע לעבנס גראָען.
אויף פּלייצע ווי אַ האָרב
איך טראָג די צוועלף שעהן,
אַ קרבן, אין אַ קאָרב.

דעם קרבן איז צו שעכטן,
וואו גורל פירט מיך בלינד,
אויף בינדן היינט מיט נעכטן —
צום גליק פון הויזגעזינד.

די צווייטע העלפט, אַ וויגל
מיט שטרוי אונטער אַ דאַך,
צו זען זיך אין אַ שפּיגל
אַריבער אויבערפלאַך.

די שעהן, האַרט צוקאָפּנס.
איך טרינק פון זייער רו
די לידער, בשמים טראָפּנס,
וואָס גאָט צו מיר שיקט צו.

איך וויג זיך און פאַרוויג זיך
מיט ליד אין שכנהשאַפט,
און זע די וועלט באַקליגט זיך
פון וואָרט וואָס גיט איר האַפט.

מידער טאָג

אַרבעטס-טאָג — אַ גזלן מיט געשאַרפטן מעסער —
שניידט איבער קנופּ פון גאָלד-געוועבט צו מיינע טיפן,
וואו אויף די וועלן, לידער רואיקן זיך שיפן
געהיימניספול, פון אויסטערלישע שלעסער.

דער קאָפּ ווערט טעמפּ. עס בלייבט נאָר וואָך מיין חומר,
מיט פּראָסטער גלוסטונג פון דעם אור-מענטש-עלטער זיידן.
און צונג, דער פּלאַפּלער, וויל קיין וואָרט ניט ריידן
אין אָפּזיין פון מיין קלאָרן זין — זיין שומר.

נאָר שלאָף אַנטפּלעקט פאַר מיר צוריק מיין דרך.
אין וויסטע טעג צינדט ער מיר אַ ליכט, און דאָס פלעמל
ברענט אַרוים די מידקייט פון דעם האַרב — מיין קעמל —
אַן אויפגעלויכטענער צוריק דער זעלבער ווער איך.

און דער זעלבער, מיט די לידער פון געהיימע שלעסער,
פאַרטרייבט מיין טאָג, דעם גזלן, מיט אַ מעסער.

טאָג און מענטש

דער טאָג, ער האָט זיין נאָמען, און זיין עלטער;
דער מענטש — אויך אים געהערט די עלטער ציפער:
און ביידע גייען זיי צו נאַכט, דער טיפער,
צו בלייבן אין דעם אייביקייטס באַהעלטער.

דער טאָג אַליין פאַראייביקט זיך אויף שפּעטער;
די צייט פאַרצייכנט אים מיט זיינע פליכטן;
נאָר אויף אויסצופילן זין אין אַ געשיכטע —
איז מענטש אָן אות אויף וועלטס לעבנס-בלעטער.

דער אות ווערט אָפּגעמעקט, ווען שוואַרצער וואָגן
אים פירט צום גרוב אין קלאָג-באַגלייט פון קינות;
נאָר אויף אייביקן וועלטס שטייגנדע מינינעס
אויף אַקסלען פון דער צייט ווערט טאָג געטראָגן.

עס רייסט אים פון קאַלענדאַר מענטשלעכער שיגעון;
נאָר אייביק, אייביק זיך דער טאָג מיט זיינע שעהן.

אין אַלע טעג

אויפגעוועקטע פון די בעטן, אין דעם גראָ־פאַרטאָג,
מיר איילן צו דער שמחה פון ניי געבאָרן טאָג,
וואו אַ סאַרווערן, די וועלט, פאַר יעדן מענטש צעטיילט
אויף וואָגשאָל גליק און אומגליק, פון אויבן אָנגעגרייט.

מיט די בלינדע אויגן, ווי אין געצן־דינסט פון בעל,
מיר טאַנצן פאַרן קרבן־טאָג אויף וועלטס פייער־שוועל,
און ברענגען, דעמער־צייט, צום הויזגעזינד, טאָג אַ קריש,
אַ חלק, לויט דעם מזל, געוואָרפן צו די פיש.

דערפאַר
איז איינעמס וועג גן־עדן, גיהנום — צווייטנס וועג;
דערפאַר
פון אייביק אָן דער צער און פרייד, אין אַלע טעג.

גאָטס נאָכגיביקער בעלן

איך בין אַ מאַריאָנעט. פאַר מיינע מיען
גאָט, ער ציט די דראָטן ;
ער מאַכט מיך שפּרינגען, ער מאַכט מיך קניען
אין מיינע זיגן, אין מיינע שפּאָטן ;

ער מאַכט מיך וויינען, אין טעג פון רעגן ;
ער מאַכט מיך לאַכן, אין טעג פון שטראַלן ;
באַלד קומט מיר אָן די נאַכט אַנטקעגן,
און ער וועט מיך מאַכן — פאַלן.

קונצנמאַכער

יאָרן קלעטערן אויף מענטש ווי קונצנמאַכער —
איינס אויף ס'אַנדערע. ביז די האַרץ ווערט שוואַכער ;
ביז — דער פונדאַמענט — מענטש, עס נעמט זיך בייגן
פון דער משא, גרייט אויף האַרטן ברעט זיך לייגן.

איידער נאָך ביים מענטש דער אָטעם ווערט אַנטשוויגן,
אין דער שטילער רו וואָס וועט אין טיפן שלאָף פאַרוויגן,
ווערט אָנגעשפּיצטער זיין געהער, דינער, וואַכער ;
ער דערהערט : אים לאַכן אוים די יאָרן — קונצנמאַכער.

מיסטעריע

מיט הכנעהדיקער לאַסקע
בעטלסטו פאַר יאָרן גרינגע;
ווען עס קנעט דיין פּנימס מאַסקע
גאָט, מיט איבונג אין די פינגער.

דיינע אויגן זעצט ער טיפער,
און זיי ווערן שטאַרער, קלענער.
נאָר דעם שמייכל — יוגנטס שטיפער —
מיט זיין חכמה מאַכט ער שענער.

העכער פון דעם אויגן-צווילינג
קנייטשט ער שטערן-הויט אין פליטן,
וואָס דער אַקער אין דיין פרילינג
האָט זיי פאַרן הארבסט געשניטן...

ווי ער וועט די מאַסקע שליסן? —
זיי געדולדיק! זיי פאַרשטענדיק!
דו אַליין וועסט קיינמאָל וויסן
ווי דיין בילד וועט זיין פאַרענדיקט.

לשון הרע

לשון הרע, די פֿאַרשפּרייטע פּעסט פֿון רייד,
וואָס ווערימט אוים, ווי פּלאָדנער מאָהל און זשאַווער,
אין מענטש-געשטאַלט פֿון דיינם אַ ליבן חבר
מעשים-לעכער, פֿאַרעטערישערהייט —

איז קראָפּעווע, וואָס וואַקסט אויך אויף דיין פֿעלד.
ווען טרעטסט אין דעם, נעמסטו זיך אָן צרעת.
ס׳איז קנאהס אויסגעהעפּטע משוגעת
וואָס שאָדנט טיף דיין איינגעשטעלטע וועלט.

היט זיך אוים פֿון דעם, צו טראָגן פֿריי עס אָפּט
— מיט דער הנאה-לוסט — אַהינטער יענעמס רוקן.
דערלאָז ניט די אויגן זייערע אויף דיר צו קוקן,
כדי צו אַנען, ווי דו ווערסט פֿון גאָט געשטראָפֿט

מיט דעם, וואָס דו שיילסט אוים פֿון זיך דעם אָדם --
דעם טייל פֿון „אים״, וואָס האַלט זיך אויף אַ פֿאָדעם.

ווי קלאַנג פון זוניקע לידער

רייד פון פרייד,
רייד פון גליק,
צעקלינגען זיך ביי די טויערן
פון די אויערן
ווי מוזיק.
פון האַרץ צום מוח,
אויף אַ סטרונע פון אַ גילדערנעם שטראַל,
צעשפּרייט זיך,
צעוויינט זיך,
דער אַקאָרד פון באַגליקטן פאַל,
און כישופט אַרוים אויפן פנים
אַ גילדערנעם שמייכל און אַ זילבערנע טרער,
ביז אין דעם ליכט פון אויג
באַזעצט זיך די אַנטפּלעקונג
פון כי טוב.

און ווען פול ווערט האַרץ, גליק — לרוב,
פאַרשווינדן געהיים
יענע רייד
אין אַ שלאָפנדיקן באַשייד,
צום צוגעגרייטן קעמערל
פון זכרונות באַ-דאַכ-טער היים.

נאָר אַז אַ ווידער קול
וועקט זיי אויף אַמאָל,
איז פילבאַר,
ווי מיט אַ העמערל
איבער אַ גלעקעלע פון זילבער,
קלינגען-אויף
דורכן גאַנצן גוף
ווידער —
יענע רייד פון פרייד,
ווי קלאַנג פון זוניקע לידער.

און גאָט זעט...

ס'טרעפן טעג,
ווען גאָט טוט מיר אוים פון טואונג, וואָס עס שטייט מיר פאַר,
טואונג, פון שנורעווען די זילבן אויף מיין ליד,
און זעצט מיך אַנידער, ווי אַ קמצן, צו ציילן מיינע יאָר
מיט דעם דערשרעק,
ווי איינער וואָס דערזעט אויף זיך די ערשטע ווייסע האָר;
דעמאָלט, גייט פאַרלאָרן קלאַנג פון מיינע טריט.

אָן זין, ווי אין אַ ליידיקגייערײַ,
פאַלט-צו די נאַכט אויף מיר מיט שווער געוויכט
פון אַ הימל, אָן אָנגעהאַנגענעם מיט בלײַ,
ביז ס'טרעפט,
אַז אין דער גרויקייט פונעם דעמער-ליכט,
גייט ווידער אויף אין מיר די פולע בענקעניש צום ליד.

און ווען איך באַנעם פון וואָרט-זאַמל די בשורה,
ציטערט-אויף מיין פען,
ווי דער אַקער אין אַ זריעה בייט,
און ס'וואַקסט אַרוים פון אַ ליד די ערשטע שורה
פאַר אַ ווייטערדיקער רייע.

און גאָט זעט
ווי איך ווער ציטערדיק דערפרייט,
ווי אַ קינד,
וואָס שפּילנדיק אין זאַמד,
געפינט
צוריק פון אייגן האַנט
אַ פאַרלאָרענע מטבע.

אויג אויף אויג

די טרייסט

דעם מהלך־וועג פון יאָרן,
לאַנג, אין מידן גאַנג דו גייסט, —
וואו געטראָטן, בלייבן שפּורן:
זינגט אין האַרץ ביי מיר די טרייסט.

ווייל געשטעמפּלט דיינע שליאַכן
מיט דעם הייסן בלוט פון וואָרט;
האָסט אין אַלע דיינע זאַכן
דויער מיט דיין „היינט" געפּאָרט.

כאָטש עס קרעכצט אין בויג דיין עלטער
ווי אַ שפּאָן — קומט זון ביים ראַנד;
כאָטש דו ביסט נאָך אַ פאַרשטעלטער,
דיין נאָמען ווערט צו מענטש באַקאַנט.

ווייס! אַ ליד פון טרער באַצוואונגען
ווערט אויף אייביק נישט פאַרשטילט;
פון דער לייד וואָס האָסט געזונגען —
פרייד וועט ווערן אויפגעשפּילט.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָכגיביק, זיך שוואַך צו ווערן,
ווער איך פון דער טרייסט געצירט...
כ'בעט ביי גאָט נאָך ריינע טרערן —
צו זען, אין טרייסט, וואו כ'ווער געפירט.

מענטש און ערד

דער מענטש באַצווינגט די ערד,
עס לאָזט די ערד זיך קנעטן.
וואו רונד אַ באַרג, דאָרט ווערט
אַ גלייכער וועג צום טרעטן.

און וואו אַ זומפּ, פאַרשטעקט
מיט גראָז די שליימע לעכער,
עס ווערט מיט זאַמד פאַרדעקט,
און שטייט — אַ פולער בעכער.

און וואו אַ דזשאַנגל איז,
דער מענטש רייסט זיינע קאָלטנס,
אַ שטאָט שטייט אויף די פיס,
מיט קוימענס צו די וואָלקנס.

דער מענטש אין מי באַצווינגט
דעם באַרג, דעם טאָל, און דזשאַנגל,
און אייביק, אייביק קלינגט
דער רידל־ערד געראַנגל.

די ערד, אין ווייען קרעכצט,
גיט נאָך דעם מענטשנס תאווה.
זי ווייסט, זי וועט צולעצט
זיין גוף פאַרשלינגען סיי ווי.

מיט גאָט אין זינען

אַלץ וואָס כ׳האָב ביי דיר גענומען,
צאָל איך אָפּ מיט מיינע לידער.
כ׳וועל אָן חובות צו דיר קומען,
פון דעם טאַליקן האַרמידער.

מידע טעג, פון זאַטע יאָרן,
לאָזסטו אויף מיין אַקסל טראָגן.
איידער דו פאַרשליסט מיין אָרון,
וויל איך איצט אַ דאַנק דיר זאָגן.

דאַנק פאַר סכום פון יאָרן גוטע;
דאַנק פאַר סכום פון יאָרן שלעכטע,
פאַר מיין ווערט געצאָלט מיט פרוטה
אין דער מי, מיט הענט געקנעכטע.

איבער אַלעם, פאַר דער יונגער
ליבשאַפט, צו דעם ליד אין טרערן,
אַז דורך מיין געבענטשטן הונגער
זאָל דער מענטש געהייליקט ווערן.

דאַנק איך דיר! כ׳האָב אַלץ גענומען
פון דיין הויך, אין טיפן נידער —
כ׳וועל אָן חובות צו דיר קומען,
פון דעם טאַליקן האַרמידער.

מדרגה

מדרגה ליגט אין הייליקער עבודה.
דורך די זיבן הימלען איז דער ווייטער וועג.
קוים גרייכסטו איר, זיי פאַר גאָט זיך מודה —
דו ביסט ניט ווערט דעם טייערסטן פאַרמעג.

דאַן וועסטו זוכה זיין אָט די מדרגה
טראָגן ווי אַ קרוין אויף דיין געבענטשטן קאָפּ.
און מענטש וועט ערן דיך, ווי זיינס אַן אייגנס,
וואָס אויף זיין מזל, פאַלט דיין ליכט אַראָפּ.

מדרגה האָט אויך פולע זיבן שטאַפּלען,
ווי זיבן הימל־טרעפּ, יעדע מיט איר ריי.
גאָט, אין באַשערטער מי איך פּרוואוו זיך דראַפּלען
צו שטיין כאָטש אויף דער אונטערשטער פון זיי.

ווי רות פון תנ"ך

איילין, אַ מתנה

פון פרעמדן וועג, ווי רות פון תנ"ך,
איז זי צו מיין שוועל געקומען: —
אַז אונטער אַ יידישן דאַך
זאָל יווירן איר גליק, פאַר מיין אומה.

דעם באַשייד האָט איר ליבסטער באַטראַכט,
און נאָך דער חופה, די שמחה —
מיין סידור האָט ער איר געבראַכט,
און דעם אַלטן קרבן מנחה.

און לייכטער — פון זילבער — די צוויי
אויף צינדן פון שבת די קדושה.
נאָך קאַנטיק אַ טרער צווישן זיי
פון זיין באָבען, אַ ירושה.

הויזט אין זיין שייער אַצינד
די ליבשאַפט פאַר הימלעשע שויבן.
אוןביידע באַגערן אַ קינד
צו אַ מלך דוד, — דערהויבן...

זי איז שיין ווי רות. — אין דעם זכות
טראָגט זי אין האַרצן גאָטס ברכה: —
צו ווערן געהייליקט ווי רות
און זיין אַ קינד ביי דער מוטער רחל.

אַ שול קעגנאיבער אַ קלויסטער

אַ שול אויף גאָטס ערד, און אַנטקעגן אַ קלויסטער,
אויף אַ גאַס וואו ייד איז אַ תושב.
די שול אין איר ציר, יעקבס היים ליגט אין איר,
אין קלויסטער — די היים פון עשו.

קומט שבת, געטליתט שטייט יעקב אין שול
מיט זיינע געהאָרכזאַמע קינדער ;
ביים מזרח אין ראָם פון גאָטס הייליקן פּלאַץ,
זיי תפילהן צו זייער פאַרבינדער.

קומט זונטיק, שטייט עשו מיט צלם אויף האַרץ,
און רופט מיט אַ גלאָק זיינע ברידער ;
זיי קומען אין גאַר, צום „גאָט-הויז" אַלטאַר,
און זינגען געפאָרכטיקע לידער.

אויף איין זייט — דער קלויסטער, מיט צלם צום רוים,
אויף צווייטן — די שול אונטער הימלען.
פון צעווישן אין נעכט, אַ קול יעקב הערט,
בעת עשו מיט זייניקע דרימלען.

דאָס קול איז פון רבקהן, פאַר גאָט אין איר צער,
זינט יעקבס פאַרקויפטער בכורה —
וואָס עשו אויף ערד לעבט נאָך אַלץ מיט דער שווערד,
און יעקב — פאַר אים אין דער מורא...

— — — — — — — — — — — — — — —

דורך רוים צו דער שול, צום שפּיץ פונעם קלויסטער,
שניידט ווי אַ בליץ רבקהס טענה.
זעט יעקב אין דעם אַ טרער אויף גאָטס ברעם,
פאַר דער גרויסער שולדיקייט זיינע...

געשענדטע שוועל

ניט אַלץ וואָס די אויג דערזעט, זי וויל זען;
ניט אַלץ וואָס זכרון פאַרכאַפּט, ער פאַרגעסט.
אין אַ נאַכט, פאַר אַ שול, האָט די גאַס צוגעזען
פון אַ שיכורער פאַר אַ פאַרזינדיקט געשען —
שולס הויף איז געוואָרן פון ליבשאַפט די נעסט.

די זי ביי זיין האַנט שטויסט צוריק איר באַשלום;
דער גאָט פון די יידן וועט איר ברענגען דעם טויט.
ער צוואַנגט אירע הענט, און מיט תאווהדיקן קוש
קרום גיפּטיקט אַ שמייכל: „טו העל וויט די דזשוס"!
אוןביידע ווי כלבים — אַהינטערן פּלויט.

די שול אין דער נאַכט — אַ געשענדטע שוועל.
די פּאָר — פון געלעסטערטער גלוסטונג, אַנטמענטשט.
האָט די שול, קעגן איבער דעם קלויסטער געשטעל,
געזען זיי געקניט ביי דעם יעזוס געמעל,
און פרום האָט זיי ביידן אַ גלח געבענטשט.

צעטיילטע חרפה

מיט יינגלעך צוויי, דער טאַטע אינמיטן,
געקרייזלטע פּאות אויף אַלע דריי,
זיי גייען — און שלווה ווערט איבערגעשניטן,
ווען ווילד אַ כלאַפּ אויף זיי גיט אַ שפּיי.

ווי אָנשפּאַרעס צוויי, אַ שוואַכן בוים צו שטאַרקן,
די יינגלעך שטייפן דעם טאַטן צו —
די חרפּה, ווי הייסער בליי, אויף דריי קאַרקן
ברענט אוים אַ וואונד אין זייער שבת־רו.

דער שייגעץ ווערט נעלם. און ווי גאָר ניט געשען
שווימט די גאַס מיט מענטשן — שפּענער אויף טייך.
איך, דער עדות, וואָס האָב עס צוגעזען,
האָב די חרפּה צעשניטן גלייך אויף גלייך.

איז טראָג איך איצט אָפן, ווי אַ וואונד אַנטבלויזט,
דעם כלאַפּישן שפּיי אויף אייגענער ברוסט.
ניין, מיינע פּאות כ׳האָב קיינמאָל געקרויזט,
נאָר צוזאַמען מיט זיי גאָטס וואָרט געקושט.

דערקענטעניש

אַ זייטיק־געסל, שוואַך געליכטיקט פון פאַנאַרן
ציט זיך אין מיין געגנט ווי אַ טונקלער קאָרידאָר.
איך גיי אויף נאַכט־שפּאַציר און הער געהיימע שאָרן —
אַ פרוי געגענט, מיט קרומען הוט אויף די ווייסע האָר.

זי צינדט אין פינצטערניש אויף מיר געפאָרשטע בליקן
מיט וויגנדיקן ריר, געגאַנגען ווי אויף דראָט.
אַ סילועט, טראַכט איך, וואָס זוכט אין נויט אַ תיקון.
און מאָדנע, אומאָנגענעם, ווער איך טיף אין זיך באַדראָט.

איר פּנים אין לבנה־ליכט ווערט קלאָרער,
מיך גריסט אַ שמייכל פון אַ צוקנדיקער ליפּ.
די פרוי, אין נאַכט פאַרטריבן פון איר נאָרע,
מורמלט וואָס צו מיר, מיט הייזעריקן כריפּ:

— ניט דאָ אַרום איז אויפגעשטעלט מיין וואוינונג,
זאָג, „דזשענטלמען", וואו איז דאָ „נעט בון"?
— „נעט בון"? — כ'בלייבט שטיין אין אומגעריכטער שטוינונג:
— „נעט בון", — זאָגט זי, — פון ליקער דער „סאַלון".

איר אויג, מיין אורשפּרונג האָט גיך אויסגעפונען,
זי שיקט אַ לופט־קוש מיר מיט אירם אַ פינגער צו.
— ווי קענסטו — זאָגט זי — וויסן פון סאַלונען,
ווען דו, פון גאָט געבענטשט, ביסט גאָר אַ „דזשו".

איר שאָטן האָט מיט רעש דער ווינט פאַרטראָגן
אין קרומען ראַגנבויג פון אַ קורצן נון.
גאָט, דערוווייטער איר — האָב איך שטיל גענומען זאָגן —
אין איר בלאָנדזשעניש, פון דעם „נעט בון"!

ענדערונג

עס ענדערט זיך מיין נאָכבאַרשאַפט. די גויים ציען אַפּ,
און נייע שכנים, יידישע, פאַרבייטן זייער אָרט.
די ביר-שענקען, וואו שיכרות מיט דער זינד איז אויפגעפּאָרט,
זיי ווערן אַלץ ווייניקער, ווי בלוט פון זיי גייט אַפּ.

די הייזער, הילצערנע, מיט היטלען שינדלענע אויף זיי,
זיי ווערן ברוכוואַרג אין דער שווערער מי, פון העק, און הענט;
אויף זייער גריבער-ליידיקייט, מיט ציגל און צעמענט,
הויך וואַקסן אויף די מויערן, מיט יונגער פרייד אין זיי.

די קליין-געשעפטן שליסן זיך, און גרויסע קומען אויף —
מיט מערער רחבות, און מיט מערער יחוסדיקן גלאַנץ.
דערביי די בענק — די טרייע היימען פון דעם דאָלער-טאַנץ —
זיי שפּאַרן זיך באַלד צו צו זיי, געגעענט, ווי גוף צו גוף.

די אַלטע תושבים בייגן זיך, די יונגע — וואַקסן גלייך.
אַ חתונה, אַ לוויה איז דאָ אָפּטיקער באַזוך.
מיין געגנט ענדערט זיך. אויך אין מיר איז דאָ דער דוך
פון ענדערונג. באַלד קומט אַ צווייטער אויף מיין „קעניגרייך".

אַ גאַס-פּאָרטרעט

אַ גאַס האָט זיך באַדעקט מיט אַ נייעם אַספאַלט.
ווי אַזוי איז די ענדערונג צושטאַנד געקומען?
די שטיינערנע הויט איז געוואָרן אַלט,
געקרישלט, מיט אומצאָלבאַרע תהומען

אַזש די ביינער פון לאַסט-וואָגן, אויטאָמאָביל
פלעגן טרעשטשען, ווי גלאָז אויף וועגן,
און זומפּיק איז געווען דער שטיינער-דיל
ווען הימל האָט געפליוכעט מיט רעגן.

איז האָט מען געמינטערט די „טאַטעס פון שטאָט",
וואו זייער אַספאַלט איז ווי בליי צעלאָזן,
און גרינג, און ווייך, דאָרט וויגט זיך דער טראָט
צו זייערע היימען, אויף טעפּיכער גראָזן.

ביז שטאָטס באַדינער (אַ קאַלטער פראַנט),
האָט באַוויליקט רעמאָנט. — — זיינע באַוואָלטע
אין אַ וואָכיקן פרי געקומען, עמיגראַנט,
אַמעריקאַנער, נעגער — די ניט געהאַלטע —

אַ יעדער מיט אַ פּיקע, פאַרשאַרפט און דין.
יעדנס פּנים מאָכיק, און באַוואַלדטע וויעס.
אַזש טויב צו ווערן האָט געדרילט אַ מאַשין,
ווען איר צאָן האָט געבראָכן די שטיינער-קריעס.

און אַ מיש־מאַשין, אין דעם וואַלן־יאַך
האָט ווי פון הונגער צעמענט און שטיין געשלונגען,
און פון די איינגעווייַדן געטריבן עס דערנאָך
אויף סקאַלעטענער ערד, וואו מי האָט געזונגען.

און אין לעצטן טאָג, מיט פעך צעקאָכטן אַספאַלט
און זיין הייסן דאַמף, האָט אַ וואַלגער־צובער
פון אַ פאַר־מאַשין געצויגן לאַנג. און באַלד
איז אַ נייע הויט אויף דער אַלטער גאַס אַריבער.

ווי אַן איינגעפראָרענער טייך איז די גאַס איצט גלאַט.
און אויטאָס גליטשן זיך אויף איר געשווינדטער.
אין רעגן גלאַנצט זי ווי אַ שפּיגל, און מאַט
ווי אַ ווייסער פעדער, ליגט זי מיט שניי אין ווינטער.

טײַכן

צווישן פֿאַסן ערד — פֿון די ימען אַנטלאָפֿענע —
פֿליסן די טײַכן, ווי אָדערן אָפֿענע.
זיי ווערן געטראָגן אין גרינגסטן באַלאַסט.
די שופֿן, אין גרין־בלויער הויט אײַנגעפּאַסט,
גלאַנצן אין זון, ווי גאָלדענע רענדלעך.
אין זומער־רואיקער שײַנקייט —
זיי זינגען צו וועלט דאָס ליד פֿון שפּראָצונג און ריינקייט.

הערט דער מענטש —
אַל׳ץ איז געזיכערט:
דער דאַך פֿון די שטיבער;
דער פֿלאַנץ און דער דאָרן;
דער פֿויגל; פֿאַרטײַעט
אין גריבער — דער וואָרעם;
דער בוים אויף זײַן שטאַם
מיט צווײַגן־הענט, פֿרײַע;
דער מענטש אין זײַן היים;
און נאָרע די חיה.

קומען אין האַרבסט אָן די געסט אוראַגאַנען,
דאַן הייבן זיך טײַכן אין ווילדע געשפּאַנען —
זיי בילדן זיך אויף, די שוימיקע הויקערס,
צו שלאָגן די ערד, און טומלען, ווי פּויקערס,
געקלאַפּט אין אַ צאָרן:

„מיר זיינען די מאַכט, און דו ביסט פאַרלאָרן!"
ברויזן אויף לאַנד די וואָרענדע העצעס,
און פאַנגען די גאַסן אין טייכיקע נעצן.

זעט דער מענטש,
אַז ניט אַלץ איז געזיכערט:
ניט דער דאַך פון די שטיבער;
ניט די פלאַנץ און דער דאָרן;
ניט דער פויגל, פאַרטייעט;
ניט אין גריבער דער וואָרעם;
ניט דער בוים אויף זיין שטאַם
מיט צווייגן־הענט, פרייע;
ניט דער מענטש אין זיין היים;
ניט אין נאָרע די חיה.

פאַרצווייפל ניט

מיט שטאַרקסטן שלאַק — אויף אַלע וועגן
פאַלט דער רעגן.
די הויכעביימער בייגן זיך;
די קליינע גראָזן נויגן זיך;
די פלאַנצן ציטערן;
דער מענטש, די בריאה,
אין שלאַקס דעם ביטערן,
בויגט זיך ביז די קניען.

ווען כוח שוואַכט דעם רעגן־פליוך,
און שטיל עס ווערט נאָר,
גייט דאַן פון ערד די שפע דורך
פאַר פלאַנץ, אין אַלע גערטנער.

ס'וואַקסט גלייך דער בוים, און הויך דאָס גראָז,
און ס'קעמט זיי מילד דער ווינטל־בלאָז.

אַ מענטש, אין קאַלנער איינגעצויגן,
קוקט די זון אין זיינע אויגן;
און אויף דעם ראַנד פון וואָלקן־אינדזלען,
שטייט דער רעגנבויגן.

אַ פּאַלמע

צו זען אַ פּאַלמע בליען,
צו זען איר קאָרע־הויט,
און מיט דעם קאָפּ זיך ציען
צום הימל, װעלכער בלויט —

איז פרייד מיט ליד צו צאָלן.
(געהייליקט זיי מיין װאָרט,
מיט פאַרב צו קענען מאָלן
איר שטאַם, אויף זוניק אָרט).

פון הימלס שטערן־אויגן —
אַ ליכט אויף איר שלאָגט־אָפּ.
און זע: אַ װינט קומט בויגן
דעם שלאַנקן פּאַלמע־קאָפּ.

מיט אומזיכטבאַרע פינגער
ער קעמט איר אירע האָר,
און שענער װערט זי, ייִנגער,
מיט אירע אַלטע יאָר.

אין יעדן צװייג צעבליטן
דו זעסט אַ פּאַװע־עק.
קאָרבן, קאָרע־שניטן,
דאָס איז איר לייב פאַרדעק.

דיר דוכט זיך — אין דעם צויבער
זי דאַווענט אויף אַ קול;
זי וויגט זיך, און זי שויבערט,
דו הערסט אַ ווידער קול...

און הייליק ווערט זי, הייליק,
אין אָוונט־ליכט געצירט.
עס צאַלט מיט פרייד איר חלק —
אַ טרער אויף מיין געזיכט.

אַ, וואונדער פון מחשבות,
אויף וועלטס גן־עדן לאַנד!
דאַס האָט דאָך די רצועות
געשניצט גאָטס הייליק האַנט.

צו בליען פאַר די אומות,
פון רעגן, זון געשפייזט;
צו שטיין פאַר מיר — פון חומש
אַהער אַראָפּגעשפּרייזט...

— — — — — — — — — — —

צו זען אַ פּאַלמע בליען,
צו זען איר קאָרע־הויט —
מיינט, מיט די פליגל פליען
וואו אונדזער הימל בלויט.

אין היימלאַנד

מיט אַ ביקס און תנ"ך אין קליינעם פאָרמאַט —
שטייט דאָרט אויף וואַך אַ ישראל-סאָלדאַט.

ער שטייט און ער היט — פון מלוכה פאַרטרויט —
זיין זוניקע לאַנד קעגן דראַאונג און טויט.

שפּילט די רואיקייט צו, ער בלעטערט דאָס בוך,
מיט טרייסט פונעם נביא צום הארץ זאָגט דער שפּרוך:

„די ביקס וועט זיך שמעלצן צום אַקער פאַר שניט",
וואו בלוט האָט גערונען, וועט אויפגיין דער צוויט

פאַר בוים און פאַר בלום, און אויך זעט פאַר דעם מענטש,
וועמען גאָט האָט געהייליקט, — זיין לאַנד געבענטשט.

נאָך לויערט דער שונא ביים גרענעץ באַשווערט,
און קריכט אויף אַלע פיר — אַ קראָט פון דער ערד —

און טראָגט אין די ציין אַ געשאַרפטן קינזשאַל.
סאָלדאַט אויף דער וואַך שטייט געהיט פאַר דעם פאַל.

די ביקס ביי זיין אָרעם — זיין לאַנד ברענגט עס שוץ;
תנ"ך אינעם בוזעם — זיין גייסטיקן נוץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ ביקס און תנ"ך — אין קליינעם פאָרמאַט —
עס שטייט אויף דער וואַך אַ ישראל-סאָלדאַט.

ויהי אור

צו אַ מיידל, וואָס האָט פֿאַרלאָרן איר אויג אין קאַמף
מיט די אַראַבער און איז געקומען אַהער זיך היילן.
אַ מתנה דעם דיכטער יוסף האַניק

האָסט דיין אויג אַוועקגעגעבן, אַז אין דיין לאַנד זאָל
ליכטיק ווערן,
און ליכטיק איז געוואָרן, ווי אין חומש שטייט : ויהי אור.

פֿון היגן לאַנד, וואו דו היילסט דיין וואונד, ווערסטו
איצט געוואויר
ווי פּעטע ערד גיט ברויט ישראל, דורך דיינע בלוט
פֿאַרזייטע טרערן.

דאָס שוואַרץ געוואַנט דעקל — אויף וואונד פֿון אויג —
צירט דיר ווי אַ העלדין.
און ווער עס קוקט אויף דיר — אין האַרץ די ווערטער
קלעמען, צער'ן,

און דו אין גאַנג ווי אַ גאַזעל, די יונגע טריט נעמסט שאַרן,
מיט שמייכל זיי דיין העלדן-טאַט וואונדערלעך צו מעלדן.

די טראַנשייען, וואו מיט נקמה ביסט מיט ביקס געלעגן,
צילנדיק דעם שונאס האַרץ, און מיט נס אים בייגעקומען,
האָט דאָרט מיט בוים און תבואה ווידער בליען איצט גענומען.
ביסט דאָ פֿון גאָט געהיט. געבענטשט זיי אויף אַלע
דיינע וועגן.

ווען איר ציט אַרויף אין זיג די פאָן

ביים טייטש-חומש, וואָס איז געווען געל און ערטערווייז
צעפּרעסן פון דעם מאָהל,
פלעגט מיין מאַמע יעדן שבת, דורכן יאָר, אויסוויינען
די הייסע טרערן.
און צו מיר פון חומש פלעגט אַרוים די וויזיע פון אונדזער
לאַנד — ארץ ישראל
מיט אַזאַ פאַרקלעמטער בענקעניש, ביז שיער ניט קראַנק
צו ווערן!

מיין טאַטע, טיף געשלאָגן פונעם גלות, פלעגט זיך
הייליקן אין שול,
און דעם „גוט שבת" אין אונדזער שטוב אַריינטראָגן
מיט אויגן אויפגעפלאַמטע.
מיט דעם הויזגעזינד אויך פלעגן ענטפערן (ווי דורך
אַ זיידן טיול)
צוויי בילדער אויף די ווענט — מאָנטיפיאָרע, הערצל,
פונעם גלאָז געראַמטע.
אויך דער כותל מערבי, פאַרביק אויסגענייט מיט דעם
בונט-קאָלירטן באַוול,
אין געניטער רואיקייט פון מיין שוועסטערס האַנט,
אין אויג די קענטעניש.
אַזאַ שבת פלעגט אין הימל אָנצינדן דעם ערשטן שטערן,
און מער שוין ניט באַוועלט,
פלעג איך מיטן חומש חלומען אין אַ שטילער היפּנאָזירנדיק
פאַרבלענדעניש:

ס'איז אוים מיט גלות! היילק איינגלאַנד איז ווידער
אונדז באַשערט!
אַט דאָ פליסט דער ירדן, און דאָ רוט די מוטער רחל
אין אַ הייל פון שטיינער!
און קאַסעס זינגען ביי דעם שניט פון תבואה! דיביימער
ציען זאַפט פון ערד,
געצווייפאַכט אויפצובליען דורכן יאָר, מיט קראַפט אין די
געבענטשטע ביינער!

איצט ביסטו וואַר, ישראל. פון דער וויזיע אויף אונדזער הימל
זיך אַ צינד געטאָן,
ווען אויף פרעמדן באָדן וואַקס איך (ליד צו זינגען) אין
פראָסטן אינדערוואַכן.
גרים די בראַווע קעמפער אין דיין יובל־טאָג. און ווען
דו ציסט אין זיג די פאָן —
וויס, אַז אויך מיין חלום פלאַטערט דאָרט, אין דיין גרויסן
נס נצחון!

פליטים-קינדער

די שרעקעדיקע פליטים-קינדער,
מיט קליינעם וואוקס און דינעם ביין;
און געלזוכט-הויט, קראַנק פון געוויין,
געוויין און שרעק פון אונטערצינדער,

זיי רעדן רייד — דאָס האַרץ צו שניידן,
און שרעקן זיך פון מינדסטן זשום.
ס׳טראָגט יעדעס קינד אין האַרץ אַרום
סימנים פון די שאַרפסטעליידן.

נאָר שטופנוויז צערינט דער ציטער,
אַ נייע ליכט גייט אויף פון אַש —
ווייל נייע היים, ווי אַ מיראַזש,
דאָ זוניקט זיי מיט אַלע גיטער.

דער אומצוטרוי צו מענטשן און ברידער,
ער שעפּט זיך אויס פון קוואַלן-פּיין.
ווי יונגע קינדער דאַרפן זיין —
זיי שטיפן און זיי לאַכן ווידער.

דאָרף־געכישופט

טו אָן אויף טיר דיינעם אַ ריגל
און קום אַרויס צו מיר. אונטער דיין נאָז
רוישט דער וואַלד מיט בוים און גראָז,
און רונדער טייכל, פּאַר אַ שפּיגל,

וואו קינדער באָדן זיך אין הייסן זומער,
ווי יונגע גרעזעלעך אין מאָרגן־טוי.
אויף אַ וויגל־שטול, ווערסטו אַ קינד געניי
זיך אויפכאַפּן פון עלטער שלומער.

באַזעצט פון נידעריקע שטיבער,
וועט עס דערמאָנען דיר אָן אַלטער היים,
פון קלעצער־ווענט, מיט מאָך, און ליים,
און קוימען, דעם שינדל דאַך אַריבער.

דו הייב אַ שטיינדל אויף און ציל דעם טייך —
ס׳וועט אויפבלעזלען פּאַר דיר מיט זילבער רייך.

מעוועס

דער ים, ווי אַ גלאָזיקער שפּיגל,
איז גרוי, ווי די אור־אַלטע צייט.
געפורמט פון גאָט אין זיין טיגל —
ער אָטעמט מיט דער אייביקייט.

אויף אים שווימען שיפלעך און שיפן
צו פיש־געפאַנג פאַר צייט־פאַרטרייב.
די שוואונגיקע מעוועס זיי שטיפן
אַריבער זיין ימיקן לייב.

עס רינצלט דער ים זיינע הויטן
ווי שופן געגלאַצט אין דער זון.
ער שרעקט זיי מיט גרונטס נאַסע טויטן.
די מעוועס, זיי ווייסן דערפון.

און זע, ווי זיי קרייזן מיט פליגלען
און שווימען אויף וואַסער גאַלאַנט —
מיט אויגן אין ים, צו דערשפּיגלען
דעם ביסן — די שנאָבלען געשפּאַנט.

ווען ס'קרייצט זיי אַ שיף — זע, זיי פליען
און פּאַטשען די פליגעלן אין שרעק:
ביז ווייסער שוים ווייט זעט זיך ציען
דער שליאַד — אַ זילבערנער עק.

דאַן ווייטער צום ים, פון זיין אָרעם
באַקומען די שפּייזן אויפסניי.
ווי גאָט שפּייזט דעם מענטש און דעם וואָרעם,
דער ים שפּייזט די מעוועס געטריי.

פרימאָרגן ביי די פּאָרטן

די מענער, מיט פּנימער האָריק,
און וואַכיק פאַרברודיקטע קליידער,
זיי רופן צום פיש-פאַנג, און ווייזן
פון שיפל דעם אָפענעם גדר.

דאָס שיפל שטייט גרייט, און אויך זי העלפט
דאָס שרייען דורך אירע סיגנאַלן.
פון מזרח די זון שיפּט זיך זוניק
אויף זעגלען פון דינסטע וואַלן.

„דער טאָג איז אַ ברכה פאַר פיש-פאַנג!"
די רופערס זיי שרייען באַנומען.
דערזע איך מיט וואודעס און פיש-נעץ
צום שיפל די פישערלייט קומען.

די פישערס — פון זעלבן קאַליבער
ווי איינער צום צווייטן אַ ברודער.
דאָס שיפל — דערפריייט מיט איר פייפן —
פון קעל אירן שיקט אַ גערודער.

די מעוועס באַקרייזן דאָס שיפל
די מענטשן, פיש-נעץ און וואודעס.
מיך אַנט, אַז זיי שפּירן דעם ריח
פון נאַכטיקע פישיקע סעודות.

איבערן האָדסאָן

די גרויע וואַלן אויף דעם אַלטן האָדסאָן וויגן זיך און וויגן.
וויגט זיך מאַיעסטעטיש אום אויף זיי, די שיף פון פאַרגעניגן
אין די אָרעמס פון אַ רו־טאָג — מיט באַפרייטע שוועסטער, ברידער
פון דער מי. די שיף וויגט זיך, מיט טאַנץ־מוזיק און לידער.

ליגט אויסגעשפּרייט אין לענג דער האָדסאָן — אַן אָנגעפּוישטער קראַטער
מיט פּערים, זעגל־שיפּל'עך און געפלי פון מעוועס אין געפלאַטער.
אַרומגעצאַמט פון רעכטס און לינקס, מיט אַ קאָלירטער דעקאָראַציע
פון באַבערגטע וועלדער און פון שטאַלטנע מויערן, אין גראַציע
אויפגעשטעלט אויף שטיין־געטרעפּטע פלאַכן. אין שקיעה
כּישופן די קובן־פענצטער. און ווען די שויבן פייערדיקע גליען,
דוכט זיך דיר, אַז יעדע שויב — פון הויך געמויערטן צעשטייער —
איז אַן אַראָפּגעזעצטער פּליט, פון זונס זינקענדיקן פייער.

די שיף וויגט זיך, און אויף ניו־דזשוירזי זייט, ביים האָדסאָן,
די פּאַליסאַדן, אַרום די ביימער־קאָל'טנס, זיי גלאַנצן
מיט פייערן אויף איר גאַנג, וואָס שניידט די טיפע וואַסערן געגווידערט.
די ביימער־ווענט זעען אויס אין גרויען נעפּל ווי אָנגעפּוידערט.

אין אַ באַהעלטעניש פון זייער שאָטן דערזעסטו, ווי אַ משכון,
דאָ און דאָרט אַ הייזעלע מיט פענצטערלעך וואָס בליאַסקן,
ווי אָרום שטחים פעלד און זומפּן — פליגן-צינדער.
טראַכסטו: צי איז דאָס אַלץ ניט ווי פון אַ מעשׂהלע
פאַר קינדער? —

די שיף וויגט זיך, און ווי אַ ברייטע שוואָם אָרום פון וואַסער
(דאָ און דאָרט) קומט אויף אַן אינדזעלע מיט גראָז און
בוימער. אויף נאַסער
געדעכעניש הויערט אַ מויערל פון ציגל. זעסטו שטענגן,
שליאַדן —
טראַכסטו: צי איז דאָס ניט די היים פון אַלע פייגלשע בריגאַדן?

אַ ברומענדיקער קוימען-פייף צעטרייבט דיין טרוים-געהייטער.
זעסט בעטערי גאַס אין ראַם פון דעמערדיקן שייטער.
זעסט ווי גראָבן שטריק בינדן צו די מידע שיף צום פּאָרטן —
און די גאַס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ צעבלומטן גאָרטן.

ים און רעגן

ס׳רודערט אויף אַ דונער מיט אַ בליצן-פּלאַם
פון וואָלקנס — גרויע בוידן קאַראַוואַנען —
און טראָפּנס נעמען טאַנצן ווי פאַנטאַנען
פון שפּריטנעם רעגן, פאַלנדיק אויף ים.

זיין שופנער ראַלענדיקער לייב, געפּאַלבט,
ווערט ווילד, ווי קאָכיק וואַסער אין אַ טעפּל.
עס בלעזלט, הייבט זיך, פּלאַצט, און ווידער פאַלט
ביז האָריזאָנט, אין אויסגעשפּרייטן נעפּל.

הימל וואָס איז אויפגעזוימט מיט וואַסער-פּלאַך —
שטילט איין דעם רויש, ווען קליינע טראָפּנס לינדן
דעם גוף פון ים — בעת די וואָלקנס שווינדן,
קומט ערשטער שטערן אויף דעם הימל-דאַך.

דאַן דעקט לבנה אויף די שלייער-וועגן,
און ציט דעם ים צו זיך, נאָך שפּיל פון רעגן.

באַן אימפּרעסיע

וואַגאָנען מיט ברוכוואַרג אין קופּעס.
שטיבער פון איינציקע גאָרן.
און סלופּעס לויפן נאָך סלופּעס,
צוריקוועגס, און ווערן פאַרלאָרן.

אַ ווינט־מיל. אַ דאָרפישער ברונעם.
אַ זומפּ, וואו עס שפּילן די גרילן.
אַ טייכל צעטראָגט די ניגונים
און לויפט איבער שטיינדלעך זיך שפּילן.

פעלדער מיט תבואה אין בייטן.
פעלדער מיט פאַשע פאַר פי־צוכט.
און מיילן־ווייט, איינס נאָכן צווייטן
מהלך־וועג, באַן געלויף קיצורט.

וואָקזאַלן און רויך פון פאַבריקן.
און מענטשן פון ווייטע מקומות.
אַ שטעטל אַנטלויפט פון די בליקן.
זעסט ווייטער — אַ פעלד מיט בהמות.

אַ דאָרף, אין זון־גאָלד געקיטלט,
ווי גומי, ציט אָפּ זיך פון דאַנען;
און גרויע קוואַרטאַלן געוויקלט
אין רויך און אין שטויב פון די באַנען.

אַ וואַלד, וואָס די האַק פונעם העקער
האָט אויף איר וואוין־אָרט קיין שליטה,
און קאָלטנס אויף מייליקע שטרעקעס
וואו רויב־פייגל לעבן געהיטע.

און ווייטער — סלופּעס נאָך סלופּעס,
טייכן און זומפּן פאַר גרילן,
און אונטער אַ הימלישער חופּה
ביימער־געסט טאַנצן קאַדרילן.

אונטערוועגנס

אַספֿאַלטענער גראָ אויף ענדלאָזן טראַקט,
פֿאַזע וועג: זומפּן און טאָלן.
גראַב־אייזנס פּליקן און רייסן די ערד
פֿון וועלדער, די ווילדע אַמאָלן.

אַ שטיבל לויפֿט אָן. ביי אַ שטעלכל דערביי
רואיק אַ קו מעלה־גרהט.
הייבט זיך אָן לעבן וואו וויסט איז געווען,
הייבט זיך אָן פֿרייד, וואו געמוראַט.

אַ הינטל בילט אויף. זעסט אַ פּריצישן הויף,
זון אויף זיין מויער שאַרף בלישצעט.
אַ בוים אויף דער צייט שטייט מיט פּירות גערייפֿט,
אַרום אים אַ פֿייגעלע שווישצעט.

אַ קראָם פֿאַרן אויג. ס'איז דאָרט דאָ אַלדאָס גוטס —
פֿון העמד, ביז גרויפּן צו קאָכן.
קרייצן זיך געסלעך מיט שטיבעלעך אַלט —
פֿון דלות די שויבן צעבראָכן.

וואו ווייטער דו פֿאָרסט, וואו נענטער דו קומסט
צום ציל פֿון אומרו געטראָגן —
קומט אויף אַ גאַס, וואָס „מעין סטריט" מען רופֿט,
מיט וועג־ליכט, געשיצט ביי די ראָגן.

קראַמען אויף קראָמען, אויטאָס אויף אויטאָס,
הייזער געבויט אין צוויי גאָרן.
פראַנטיש געקליידטע די מענער אין גאַס,
מיט פרישקייט די פרויען אין יאָרן.

ווי טייג אין מולטער יוירט און ווערט פול,
איז פול די גאַס מיט זאַטקייט.
אַרבעט מיט מסחר, ביינאַנד האַרט געפּאָרט,
דאָס לעבן אָן צייכן פון מאַטקייט.

און אַט רייסט זיך „מעין סטריט" אַרויס פונעם אויג,
זעסט ווייטער וואַלד פון אַמאָלן.
בליץ-שנעל די רייכקייט פאַרשווינדט, און פאַרן בליק
די אָרעמקייט שרייט פון די טאָלן.

אויף היגן באָדן

מיין ערשטע היים אויף היגן באָדן —
מיט וואַנט־ליכט־גאַז, ווי יאָרצייט פלאַם —
שטייט אַלץ נאָך אויף דער גאַס, אין צאַם
פון מויערן — אַ נעסט, מיט פעסט באַלאָדן.

פינף צענדליק יאָר — ווי אָנגעשריבן —
איצט בולט קאָנטיקט זיך אין איר קאָנטור.
אין חלל, ביי די טרעפּ, איז דאָ מיין שפּור
געלאָזענער. אויך פון משפחה לאַנג פאַרטריבן.

אָ, ערשטע היים, צום בליק מיינעם געבונדן!
איך קוק אויף דיר און זע פאַרגאַנגענהייט.
גערינגלט ליב אַרום משפחה־לייט
מיט פרייד, פון העלע טרוימען אָנגעצונדן.

און איצט? — איך בין דער לעצטער דאָ געבליבן.
די טרוימען — אַש אין ווינט צעטריבן...

סצענע, וואַשינגטאָן, די. סי.

אַ מאַן פון קריג, מיט אויסגעהוילטע אַרבל,
טרעט פרום די טרעפּ צו לינקאָלן־סטאַטוע.
געוועלטיקט פון פּראָפּעטישער נבואה,
קושן זיך די טריט זיינע מיט מאַרבל.

מיט גרויען קאָפּ, אין ערפורכט נאָכגעלאָזן,
ער שיקט זיין בליק אין אים, ווי אין אַ פּאַנצער.
פּלוצים זע: — ער שטייט פאַר אים אַ גאַנצער,
ווי פולע הענט, די אַרבל אָנגעבלאָזן.

אַ רגע האָט אים כישוף דורכגענומען.
פון אַרבל רינט דער ווינט. — אָ וואָר, געמיינער;
ער קושט אויפסניי מיט טריט די מאַרבל־שטיינער,
פרום, ווי ער איז צו אים אַרויפגעקומען.

און לינקאָלן — ער קנייטשט אין זאָרג זיין שטערן,
פּאַסט איין אין בליק זיינעם, צוויי קאַלטע טרערן.

בראָנזווילער פּייזאַזש

ביי פּיטקין עוועניו, גאַס פון סוחרים
מיט גאָלדענער באַפּוצטקייט אויף איר קלייד,
שטייען הייזער אין עלנטקייט געשפּרייט,
אין טיפסטער אָרעמקייט ווי אורחים.

די טירן קרעכצן. און אין שכנות
קרעכצט-מיט די אויסגעפוילטע טרעפּן-וויג.
דאַך-געזימסן הענגען נאַכלעסיק,
ווי אַלטע היט אויף קעפּ פון זונות.

מיט לעבנס ווי אין תפיסה-צאַמען,
זיי שטייען איינגעשטעלט צום ווינט אין קאַן.
מאָלט זיך אויס, אַז דאָרט פון אייביק אָן
שטייען זיי ווי בעטלער פאַר אַ רייכער דאַמע,

וואָס מיידט איר הילף אין נויט צו קאָרמענען
די שכנים מיט די קינדער אָרעמע.

פולטאָן סטריט — ברוקלין

אַ גאַס פון ברוקלינס יחוסדיקער ריכטונג
פון מויערן, מיט קרומע בוידעם־שטיבער,
מיט קעלער־היימען, געזונקענע ווי גריבער —
גאַס און היים פון וואָלט וויטמאַנס הויכער דיכטונג —

איז פול באַפעלקערט מיט דער נעגער־ראַסע —
פון האַרלעם, מוירטל עוועניו, אַ קאָפּיע.
אינדזל ווי אַראָפּגעבראַכט דאָ פון עטיאָפּיע,
דורך געזעץ פון כאַוטס ווילדן האַסן.

די קינדער שלאָפן איין אויף שוועלן־שוויסן.
די פרויען רעדן הויך מיט לשון אָפּגעדעקטן.
די מענער, מיט די לוסטן אויפגעוועקטע —
אויף אַלע ראָגן, געזעמלען אינעם דרויסן.

זיי טראָגן נאַכט אַנטקעגן — אָפּגעשפּאָרטן סענט,
ווען ענגשאַפט אין די שטיבער האַלט זיי איינגעפּענט.

דיכטערישע לאַבאָראַטאָריע

איך נעם אַ טראָפּן חלום און אַ טראָפּן לעבן
און מיש זיי בײדע אויס צוזאַמען.
דערנאָך באַווירץ איך זיי מיט גראַמען
פון אוצר, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן.

און אַז ס'זאָל נעמען ליכטיק שטראַלן,
און אַז ס'זאָל נעמען „אמת" ווערן,
פאַרקנעט איך זיי מיט ריינע טרערן
פון מיינע טיף געהיימע קוואַלן.

דערנאָך באַגלייט איך פען צום טינטער,
נעמען פלייצן קלאָרע אותיות
אויף ווייס פּאַפּיר — אַ ניי בראשית,
אַ גאָרטן־בלי, נאָך האַרבסט און ווינטער.

ווען איך דערזע ווי מענטשן גאַפן,
ווייס איך: ס'איז אַ ליד געשאַפן.

אינטימער שמועס

ווי דו דאַרפסט דיין ברויט צום עסן,
אַזוי דאַרפסטו דיין ליד צו לעבן;
טראָגסטו ליד דורך די מעת-לעתן —
גאָב פון גאָט אין האַנט געגעבן.

גאָב פון גאָט, פון זיין באַרירונג
זינגען אויף פון האַרץ די טענער;
איז קעגן די וואָס האָבן צירונג,
ביסטו רייכער נאָך, און שענער.

ס'איז דאָ פאַר רייכקייט אַלע מאָסן
פון וואָג, וואָס קען זיין ווערט באַזיגן;
דיין ליד — אין טיגל גאָלד געגאָסן —
ניטאָ די וואָג פאַר דעם צו קריגן.

דינסטו מענטש, ניט צו פאַרגעסן,
אַז צו גוטס, הויזט שלעכטס דערנעבן;
איז ווי דו דאַרפסט דיין ברויט צום עסן,
דאַרפסטו אַזוי דיין ליד צו לעבן.

זאָל בלייבן: איך

איך בין באַגליקט מיט קליינע גליקן,
און זייער שוץ מיר לעבט זיך רייך;
זיי פירן מיך פון טאָל אויף בריקן —
צו זיין מיט יעדן מענטשן גלייך.

זיי שיצן מיך פון פוסטער גאווה,
וואָס שלאָגט דעם מענטש פון וועג אַראָפּ;
וואָס מינערט אויך פון גלוסט די תאווה —
ווען ס'דוכט אַמאָל כ'טראָג הויך מיין קאָפּ.

ווייל גרויסע גליקן, אין דער מערכה,
מיט ווילדער העזה גרענעצט זיך;
שיצט מיך גאָט, אַז אין דער ברכה
פון קליינעם גליק, זאָל בלייבן: איך.

חשבון

איך ברענג פון טאָג צום אָוונט
אַ פּעקל אָפּגעהיטע לידער —
לידער, היים און פרום געדאַוונט,
ווי די תּפילות פון אַ סידור.

האָט גאָט געהערט זיי, און אַ קדושה
האָט געמזרחט אין מיין ווינקל.
ווער זאָל אַרבן מיין ירושה? —
אַזוינעם האָט ער מיר פאַרטונקלט.

צער פון לעבן אויפגעקליבן
און מיט ניגון־ליד באַקליידט זיי.
האָב איך פאַר דעם ווינט געשריבן?
פאַר דעם היישעריק געזייט זיי?...

„ניין”, הער איך אַ שטימע שאַלן,
„גאָב פון גאָט ווערט ניט פאַרפאַלן!”

יעפים ישורין

לוי גאָלדבערג ביבליאָגראַפיע

לוי גאָלדבערגס ווערק

לידער און באַלאַדן.
היים־פאַרלאַג, ווין־ניו־יאָרק, 1923, 112 זייטן.

נאָענטע. לידער.
היים־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1932, 96 זייטן.

ניגון און ווינט. לידער.
פאַרלאַג „די פעדער", ניו יאָרק, 1948, 224 זייטן.

אַרטיקלען וועגן לוי גאָלדבערג

אַלעגוריער, ליע:
לוי גאָלדבערג.
דער פאַמיליען פריינט, לאָנדאָן, 1923.

אפאלאָוו, דוד:
„ניגון און ווינט". אַ לידער זאַמלונג פון פאָעט לוי גאָלדבערג. די שטימע, מעקסיקאָ, יולי 29, 1950.

אַפּאַלאָוו, דוד:
לוי גאָלדבערג [ליד]. פרייע אַרבעטער שטימע. אויגוסט 4, 1950.

באָטאָשאַנסקי, יעקב:
לוי גאָלדבערגס נייע לידער. די פרעסע, בוענאָס איירעס, מאַי 15, 1932.

באָטאָשאַנסקי, יעקב:
לוי גאָלדבערג. די פרעסע, בוענאָס איירעס, מאַי 22, 1932

באָטאָשאַנסקי, יעקב:
לוי גאָלדבערג איז געקומען אויף אַ פּלאַץ, ווייל קיינער האָט אים קיין וועג ניט געוויזן. די פרעסע, בוענאָס איי־רעס, מאַי 29, 1932.

באָטאָשאַנסקי, יעקב:
יידישע ליטעראַטן און זייערע גרופּי־רונגען אין ניו יאָרק. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933, ז' 151.

באָטאָשאַנסקי, יעקב:
פּאַראַן המשך אין די זאַמלביכער „המשך". די פרעסע, בוענאָס איירעס, מערץ 24, 1940.

באַיאַן, ל.:
המשך, צוויי. די שטימע, מעקסיקע, מערץ 15, 1941.

באַסין, מיכאל:
צו לוי גאָלדבערג [ליד] געצייילטע רגע'ס, ברוקלין, 1952, ז" 38.

באַסין, מ.:
וואָכעדיק [לידער] אין פענצטער פון אַ ספרים קראָם. יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון, ניו יאָרק [1955].

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער פרעמדער און דער אורח אויף שבת; דער בלודנער נעגער און די

בויערי, חלום אין וואָר. עסייען. ניו־יאָרק, 1956, ז׳ 113.

בן־עמי־עסטרין, סלאווע:

לוי גאָלדבערגס ניי בוך. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949, ז׳ 6.

ברינמאַן, י. ר.:

לוי גאָלדבערג. אויפגאַנג (מ. סיגעט), נומ. 6, 1933.

[גאָלד, הערמאַן] אַ אינזיכניק:

צווישן ביכער און שרייבער. אונזער פאָלק, ניו יאָרק, אַפּריל 29, 1932.

גאָלדבערג, ב. צ.:

צו „פרי דערשינענע ביכער". די פע־דער, ניו יאָרק, 1924.

גלאַטשטיין, יעקב:

לוי גאָלדבערגס לידער. אידישער קעמ־פער, ניו יאָרק, יוני 17, 1949.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס:

די נייע יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, אוי־גוסט 15, 1924, ז׳ 2.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס:

דאָס ליד פון כוידעש. אינזיך, ניו יאָרק, נומ. 11, מערץ 1935, זז׳ 200־201.

גלאַנץ־לעיעלעס, א.:

די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פּרעסע. 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, ניו יאָרק, 1945, ז׳ 90.

[גלען, דר. מ.] ג. מנחם:

„פון דער ריסטאָוואַניע". ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 15, 1949.

גראַבאַרד, ב.:

אַ פּערטליאָרהונדערט. ניו יאָרק, 1935, זז„ 107 און 188.

גראַנאָווסקי, ר.:

לוי גאָלדבערג. אונזער פאָלק, ניו יאָרק, יוני 25, 1932.

גרינבערג, אליעזר:

לוי גאָלדבערג. דער אויפקום, ניו יאָרק, אויגוסט 1932, זז׳ 4־6.

[דייטש, מאַטעס] מעם דאַלעד:

אונדזער טראַגישער דואַליזם. „ניגון אין ווינט". דער בעכער, לאָס אַנגע־לעס, אַפּריל 1949, זז׳ 56־58.

ד[יימאַנדשטיין] ב.:

„ניגון און ווינט" פון לוי גאָלדבערג. ליטעראַרישע העפטן, טוזשונגא, מאַי־אויגוסט, 1949, זז׳ 41־42.

דיימאַנדשטיין, ב.:

„ניגון אין ווינט" — פון לוי גאָלד־בערג. ליטעראַרישע העפטן, טוזשונגא, יאַנ.־יוני, 1954, 88״ 22־23.

דיימאַנדשטיין, ב.:

„ניגון אין ווינט" געזאַמעלטע שריפטן, 1954.

דעראַנאַ, נים:

ביים באַלעמער. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, אַפּריל 16, 1954, ז׳ 29.

הייזלער, קלמן:

איכה ישבה „עווענין". [ליד] מיינע קומאַרנער נעבעך . . . ניו יאָרק, 1953, ז׳ 72.

העלער, א. ח.:

לוי גאָלדבערג. די פעדער, ניו יאָרק, אָקטאָבער, 1922.

העשעלעס, ירמיהו:

לוי גאָלדבערג — צווי לידער. ווי־טער, נומער 4, דעצעמבער 1952־יאַנ. 1953, זז׳ 110־111.

וויטיעס, משה:

לוי גאָלדבערג. (צו זיין 50 יאָריקן יובילײ). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, אָקטאָבער 22, 1943, ז׳ 5.

וויטיעס, משה:

ליטער און פּראָסט. (וועגן לוי גאָלד־בערגס נייעם לידער־בוך „ניגון און ווינט") ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949, זז׳ 1־2.

וויטיעס, משה:
וועגן פאָרעם אין דער ליטעראַטור. אויפסניי, ניו יאָרק, העפט 5, האַרבסט 1954, ז״ 7.

וויטיעס, משה:
פאָרעם אין דער ליטעראַטור. עסייען וועגן ליטעראַטור, ניו יאָרק, 1958, ז״ 49.

וויינפּער, ז.:
לוי גאָלדבערג. יידישע קולטור, ניו יאָרק, מערץ 1949, זז״ 37־39.

ווערניק, פּ.:
אונזער פּיל־שפּראַכיקע ליטעראַטור. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, 1923.

ווערניק, פּ.:
אונזער פּיל שפּראַכיקע ליטעראַטור. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, מאַי 15, 1932.

זינגער, ש. ד.:
לוי גאָלדבערג. אידיש, ניו יאָרק, דעצעמבער 30, 1932.

ח[יימאָוויטש] מ. י.:
פּאָעטן. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, נאָוועמבער 22, 1940, ז״ 1.

טאַבאַטשניק, א.:
לוי גאָלדבערג. צוקונפט, ניו יאָרק, נאָוועמבער 1932, זז״ 684־685.

טענענבוים, ש.:
לוי גאָלדבערגס לידער. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949, זז״ 2־3.

טענענבוים, ש.:
לוי גאָלדבערגס לידער. דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, נאָוועמבער 4, 1951.

יאַסני, א. וואָלף:
יובילאַרן־פּרייד און סך הכלען. לעצטע נייעס, תל־אביב, מערץ 16, 1956.

יאָפּע, מרדכי:
פופציג יאָר אידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק, יאַנואַר 21, 1951.

יערוסאַלימסקי, ישעיה:
לוי גאָלדבערג׳ס דיכטונג. די פעדער, ניו יאָרק, 1953, זז״ 277־279.

ירדני, מ.:
יאָסל קאָהן. אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער. ניו יאָרק, 1955, ז״ 64.

ירדני, מ.:
יצחק ליבמאַן. אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער, ניו יאָרק, 1955, ז״ 129.

ישורין, יעפים:
פופציק יאָר „צוקונפט״ (1892־1942). צוקונפט, ניו יאָרק, מאַי־יוני 1942, ז״ 346.

ישורין, יעפים:
50 יאָר „צוקונפט״־ביבליאָגראַפיע. צוקונפט, ניו יאָרק, יולי 1942, ז״ 444.

ישורין, יעפים:
ב. ריווקין ביבליאָגראַפיע. ב. ריווקין— לעבן און שאַפן בוך, שיקאַגאָ, 1953, ז״ 331, סעפּאַראַטער אָפּדרוק, ניו יאָרק, 1953, ז״ 27.

כץ, אַלעף:
נאָענטע לידער. [געגנוי וואו און ווען געדרוקט ניט באַקאַנט] 1932.

ליבמאַן, יצחק:
די שמחה פון אַן אויסגעגעבן קינד. [לוי גאָלדבערג.] ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, נאָוועמבער 19, 1943, זז״ 9־10.

ליבמאַן, יצחק:
צו לוי גאָלדבערג [ליד.] ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949, ז״ 7.

לייוויק, ה.:
ביים ליטעראַרישן טיש. יידיש, נומער 1, 1932.

[לעבעדיגער] (דער) רעגידעבל:
אַן אָרנטליכער דיכטער. דער קונדס, ניו יאָרק, 1923.

לעבעדיגער (דער):
„נאָענטע" לידער פון לוי גאָלדבערג.
אידישער קעמפער, ניו יאָרק, יוני 10,
1932, ז" 6.

לעבעדיגער (דער):
אויפ"ן ליטעראַרישען יאַריד. טאָג־מאָר־
גען זשורנאַל, ניו יאָרק. דעצעמבער
12, 1954.

לעבעדיגער (דער):
אויפ"ן ליטעראַרישען יאַריד. טאָג־מאָר־
גען זשורנאַל, ניו יאָרק, מערץ 28,
1955.

לעבעדיגער:
פינף יאָר „אויפסניי".
טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו יאָרק.
אָקטאָבער 12, 1958.

לעבעדיגער:
אויפ'ן ליטעראַרישען יאַריד.
טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק,
אָקטאָבער 12, 1958.

מאַליץ, שאול:
לוי גאָלדבערג, דער דיכטער פון שטילן
ליד. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו יאָרק,
דעצעמבער 15, 1943.

מוקדוני, דר. א.:
ביכער און שרייבער. מאָרגען זשורנאַל,
ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1940.

מינקאָוו, נ. ב.:
טענדענצן און שטרעמונגען אין דער
יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.
צוקונפט, ניו יאָרק, דעצעמבער 1954,
ז" 519.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע. יידי־
שע קולטור, ניו יאָרק, דעצעמבער
1954, זז" 18, 21.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.
יידישע קולטור, ניו יאָרק, פעברואַר
1955, ז" 8.

מייזיל, נחמן:
לוי גאָלדבערג.
אַמעריקע אין יידישן וואָרט־אַנטאָלאָ־
גיע. ניו יאָרק, 1955, זז" 559־563.

מלצר, שמשון:
לוי גאָלדבערג. על נהרות, ירושלים,
1956, זז" 142־143.

מרמר, קלמן:
ערשטע 50 יאָר אידישע ליטעראַטור
אין אַמעריקע. מאָרגן־פרייהייט, ניו־
יאָרק, מאַי 25, 1947.

נ.[יגער] ש.:
לוי גאָלדבערג: לידער און באַלאַדן.
דאָס נייע לעבען, ניו יאָרק, יוני 1923,
ז" 59.

ניגער, ש.:
וועגן איגנאַטאָוו'ס „שריפטן". צוקונפט,
ניו יאָרק, מאַי 1926, ז" 313.

ניגער, ש.:
צווייטער זאַמלבוך „המשך". דער טאָג,
ניו יאָרק, נאָוועמבער 17, 1940.

סיגאַל, י. י.:
„נאָענטע". קענעדער אָדלער, מאָנטרע־
אַל, דעצעמבער 4, 1932.

סלוצקי, שלמה:
אברהם רייזען ביבליאָגראַפיע. ניו יאָרק,
1956, ז" 303.

סלאָנים, יואל:
וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע. יידישע
קולטור, ניו יאָרק, יאַנואַר 1941, ז" 47.

פּאַט, אברהם:
לוי גאָלדבערג. (פּראָפיל, אין שייכות
מיט זיין בוך „ניגון אין ווינט"). אויפ־
סניי, ניו יאָרק, נומ. 17, האַרבסט, 1957.

פּעט, חיים:
לוי גאָלדבערג. (צו זיינע זעכציק יאָר).
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק,
אויגוסט 12, 1955, ז" 5.

פעדער, ר.:

אַ נײַ בוך לידער פון לוי גאָלדבערג. פאָרווערטס, ניו יאָרק, אויגוסט 31, 1958.

פערשלייסער, ע.:

לוי גאָלדבערג.
אויף שרייבערישע שליאַכן. ניו יאָרק, 1958, זז׳ 216־222.

קאַהן, יאָסל:

אין אינטימען טאָן. ניו יאָרקער וואָכנ־בלאַט, מערץ 25, 1949, זז׳ 4־5.

קאַהן, יאָסל:

דאָס ליכט וואָס זוכט יום טוב אין וואָך. (וועגן לוי גאָלדבערגס „ניגון אין ווינט״) ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, אַפּריל 1, 1949, זז׳ 5־6.

קאַהן, מאַקס:

געלייטערטע פשטות. אונזער פאָלק, ניו יאָרק, אַפּריל 8, 1932.

קיסין, י.:

אַ שעה אורלייב. לידער פון דער מלחמה אַנטאָלאָגיע. ניו יאָרק, 1943, זז׳ 56־57.

קאַלושינער, י. ל.:

לידער און באַלאַדן. די פעדער, ניו יאָרק, יאַנואַר 1924.

קליין, ב. י.:

פון אַלעמען צוביסלעך. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949.

קריוויצקי, ד.:

לוי גאָלדבערגס נײַ בוך לידער „ניגון אין ווינט״. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, דעצעמבער 17, 1948, ז׳ 5.

ראַדאָשיצקי, י. ה.:

לוי גאָלדבערגס בוך „נאָענטע״. דער שפּיגל, בוענאָס איירעס, יאַנואַר 16, 1932.

ראַדאָשיצקי, י. ה.:

צו לוי גאָלדבערג ליד. ניו יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 25, 1949, ז׳ 4.

ראַוויטש, מלך:

גוטע לידער אויף נאָך בעסערע טע־מעס. „וואָכנשריפט״, וואַרשע, נומער 25, 1932.

ראַפּאַפּאָרט, דוד:

אפשר פּאַרקערט?
אויפסניי, ניו יאָרק, נומער 22, ווינ־טער 1958, ז׳ 26.

ריווקין, ב.:

פּראָלעטאַריער און — פּאָעט. די פע־דער, ניו יאָרק, 1945, זז׳ 20־83.

ריווקין, ב.:

פּראָלעטאַריער און פּאָעט. לוי גאָלד־בערג. ניגון אין ווינט, פאַרלאַג „די פעדער״, ניו יאָרק, 1948, זז׳ 218־222.

[רייזען, אברהם] בן קלמן:

לוי גאָלדבערגס לידער און באַלאַדן. נײַ אידיש, 1923.

רייזען, אברהם:

נאָענטע, פון לוי גאָלדבערג.
די פעדער, ניו יאָרק, מאַי־יוני, 1933.

רייזען, אברהם:

לוי גאָלדבערג. די פעדער, ניו יאָרק, 1949, ז׳ 242.

רייזען, אברהם:

ניגון און ווינט פון לוי גאָלדבערג.
די פעדער, ניו יאָרק, 1949.

רייזען, אברהם:

אהרן קאַרלין. די פעדער, ניו יאָרק, 1953, ז׳ 151.

רייזען, זלמן:
לוי גאָלדבערג. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָ־לאָגיע. ערשטער באַנד, ווילנע, 1928, שפאַלטן 480־481.

ר[ײנוויין] א[ברהם]:
לידער פון אומעט. דער אידישער זשור־נאַל, טאָראָנטאָ, 1923.

שולמאַן, אליהו:
אַ נייער באַנד „לעקסיקאָן".
אונזער צייט, ניו יאָרק, דעצעמבער 1958, ז' 43.

שווייד, מאַרק:
ניגן אין ווינט. פאָרווערטס, ניו יאָרק, מערץ 6, 1949.

שטאַרקמאַן, משה:
לוי גאָלדבערג. המשך אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער יידישער דיכטונג, ניו־יאָרק, 1945, זז" 3־16.

שטאַרקמאַן, משה:
לוי גאָלדבערג. רשימות ביוגראפיות. על נהרות, ירושלים, 1956, ז" 429.

שטאַרקמאַן, משה:
יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניק־טע שטאַטן. די פאָעזיע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. יידן־ה. ניו יאָרק, 1957, ז" 131.

שטיינבערג, נח:
ניגון אין ווינט. קענעדער אָדלער, מאָנ־טרעאָל, דעצעמבער 30, 1953.

שטיינבערג, נח:
ניגון אין ווינט. קענעדער אָדלער, מאָנט־רעאָל, דעצעמבער 31, 1953.

ש[טענצל]. א. נ.:
המשך־אַנטאָלאָגיע. יידיש־לשון, העפט 67, לאָנדאָן־ווייטשעפל, אויגוסט 1945, ז" 26.

תלוש:
די שמחה אין מיאַמי ביעטש לכבוד דער ווידערדערשיינונג פון „מאָרגען־זשורנאַל, ניו יאָרק, סעפּטעמבער 11, 1951.

תלוש:
לוי גאָלדבערג. (צו זיין זעכציק יאָריקן יובילײ). ניויאָרקער וואָכנבלאַט, אַפּריל 29, 1955, זז" 17־20.

תלוש:
לוי גאָלדבערג. צו זיין זעכציקיאָריקן יובל. אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס, מאַי־יוני 1955, ז" 7.

תלוש:
לוי גאָלדבערגס שאַפונגען. אילוסטריר־טע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איי־רעס, יולי־אויגוסט 1955, זז" 11 און 36.

וועגן לוי גאָלדבערג אין זשורנאַלן, ענציקלאָפּעדיעס און אין פרעמד שפּראַכן

אונזער שטימע, פּאַריז:
סעפּטעמבער 27־28, 1958.
אַ ניי בוך לידער פון לוי גאָלדבערג.

די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק:
ניו יאָרק, 1938, זז" 225־226.
לוי גאָלדבערג.

ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייווא:
באַנד 1, 1926, וואַרשע — 1928, זז" 46, 210.

אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס איירעס:
מאַי־יוני 1955, ז" 8. לוי גאָלדבערג.

ROBACK, A. A.: Belles-Lettres. Supplement to the Story of Yiddish Literature. Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass. 1940. P. 23.

WHO'S WHO IN WORLD JEWRY. Monde Publishers, Inc. New York, 1955, P. 26. Levi Goldberg.

ГРЕБНЕВ, ЛЕОНИД (Л. Файнберг). Леви Голдберг. Еврейская Поэзия —Антология. Том первый: Америка. Нью Иорк, 1947. Стр. 159.

אַמעריקע אין יידישן וואָרט־אַנטאָלאָגיע:

צונויפגעשטעלט פון נחמן מייזיל, ניו יאָרק, 1955, זז" 559־563.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור:

צווייטער באַנד, ניו יאָרק, 1958.

ניו יאָרקער וואָכנבלאַט:

אויג. 29, 1958.

אַ ניי בוך פון לוי גאָלדבערג.

אינהאַלט:

זייט

תוכיק לעבן — 7
לייב און לעבן — 8
דער ברונעם — 10
ניטאָ קיין טויט פאַר טויטע — 12
פון דער היים — 14
די בלומענמאַכערין — 16
ראָד פון אייביקייט — 17
דריי קליינינקייטן — 18
מיין טאַטע מאַמע — 19
מיין טאַטע און איך — 20
דער גאַסט — מיין טאַטע — 21
דער משכון — 22
די אַלטע שטוב — 23
מיר פעלט... — 24
אַ חלום — 25
צו גאַסט — 26
אַטענטאַט — 27
אַלס קינד — 28
ליד פון אַ יתום — 29
פחדיקע קריצן — 30
צום ברעג — 31
גיי וויים... — 32
דאָס קליין־געלט — 33
מיט אייך — 34
מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע — 35
אַרום דיין גרויען קאָפּ — 36
ס׳איז כישוף — 39

זייט

אויף יעטווידער שיינקייט — 40
אין אַנגעזיכט פון קינדס אַ קינד — 41
אַ תפילה פון אַ בוים — 42
פינף דורות — 43
מענטש און לידיקגייערייי — 44
אַלטער ליד־באַשאַפער — 45
יונגע זקנים — 46
עלעגיע — 47
ביי אַן אַלטן בית עולם — 48
אַנונג ביי אַ פּאָרטרעט — 49
אַנונג — 50
אויף דעם טויט פון מיין ברודער — 51
שפּיטאָלן — 52
שפּיטאָל־געדוס — 53
די איידלקייט — 54
אַלטע מאַנוסקריפּטן — 55
מיין כתב־יד — 56
פּאָרטרעט — אַן אַלטע פרוי — 57
יוגנט און עלטער — 58
די יונגע מוטער — 59
די ריף פון אַדמען — 60
מיט גאָט אין דער הויך — 63
פאַר מענטש־דערקענטעניש — 64
ס׳האָט מענטש אַ ליד באַדאַרפט — 65
אין דינקייט פון אַ פּלייט — 66
גאָלדן גליק — 67
מיין ליד פאַרן שאָטן — 68

	זייט
דעם דיכטערס וועלט	69
יידיש וואָרט	70
פֿאָלקלאָר	71
געבענטשטע גראַמען	72
מיין היים	73
זינגענדיקער עקשן	74
דער קינסטלער	75
אין רויש־יאַריד	76
פּאָעט און לץ	77
יצחק ליבמאַן	78
אברהם רייזען אין ניו־יאָרק	79
מיט אונדזער לשון יידיש	80
דיכטער און פֿאָלק	81
אויף אַ רגע	82
פֿאַרשטעלטער „איך"	83
ערשטער וואָרט	84
פֿון דער מחשבה	85
דער דיכטער	86
דיכטערישע קנעכטשאַפֿט	87
קילע צאַמונג	88
מיין גורל	89
שפע פֿון מיין בייט	90
מיין טאָג	91
איך שפּאַלט מיין טאָג אויף צווייען	92
מידער טאָג	93
טאָג און מענטש	94
אין אַלע טעג	95
גאָטס נאָכגיביקער בעלן	96
קונצנמאַכער	96
מיסטעריע	97
לשון הרע	98
ווי קלאַנג פֿון זוניקע לידער	99
און גאָט זעט...	100
די טרייסט	103

	זייט
מענטש און ערד	104
מיט גאָט אין זינען	105
מדרגה	106
ווי רות פֿון תנ"ך	107
אַ שול קעגנאיבער אַ קלויסטער	108
געשענדטע שוועל	109
צעטיילטע חרפּה	110
דערקענטעניש	111
ענדערונג	112
אַ גאַס־פּאָרטרעט	113
טייכן	115
פֿאַרצווייפֿל ניט	117
אַ פּאַלמע	118
אין היימלאַנד	120
ויהי אור	121
ווען איר ציט אַרויף אין זיג די פֿאָן	122
פּליטים־קינדער	124
דאָרף־געכישופט	125
מעוועס	126
פרימאָרגן ביי די פּאָרטן	127
איבערן האָדסאָן	128
ים און רעגן	130
באַן אימפּרעסיע	131
אונטערוועגנס	132
אויף היגן באָדן	134
סצענע, וואַשינגטאָן, די. סי.	135
בראָנזווילער פּייזאַזש	136
פּולטאָן סטריט, ברוקלין	137
דיכטערישע לאַבאָראַטאָריע	138
אינטימער שמועס	139
זאָל בלייבן: איך	140
חשבון	141
יעפים ישורין: לוי גאָלדבערג ביב־ליאָגראַפֿיע	143